בס"ד / שנה ו' / פרשת ויקרא / נומער 306

# קרעטל



גרויסארטיגע

# שבת התוועדות

ישיבת היכל הקודש
ווילאמסבורג - קרית ברסלב

**ליקוטי מוהר"ן מאכט אים משוגע**
אברהם משה שטראססער

**נייע ערנערגיע**
משה ארי' שניצלער

**איז עס טאקע דיין געלט?**
אהרן קליטניק

**וועיז פוינטס**
גרשון קרעמער

**הלכות קידוש**
דומ"ץ דקהילתנו שליט"א

**בס"ד**

פרשת
ויקרא
תשפ"ו

**נומער**
**306**

שנה ו'



**04** צום פינטל
**08** אלץ און אלעמען
**10** בריוו פון ראש ישיבה
**12** פשרה'לאך
**14** מעשה פון א צדיק
**15** רבי'ן לעבנסגעשיכטע
**16** היכל הלכה
**18** מעשה פון תפילות
**19** א ווארט צוויי
**22** געדאנקען
**28** 6 יאר פון קאראנא
**37** געשעענישן





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה אריי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען איוף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
איוף אימעיל:
chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

# מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו

# הרוצה בעילום שמו

# מו"ה ישראל מנחם ראזענבערג הי"ו

פארן מנדב זיין

פרנס
החודש
אדר

די טובות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע
יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

## פינטל.

# ליקוטי מוהר"ן מאכט אים משוגע

דא יא, אזוי ווי דו הערסט, איך האב א פעטער וואס עס זענען ארומגעגאנגען שמועות אויף אים אז ער האט שוין געלערנט גוזמאות מאל דעם ספר הקדוש ליקוטי מוהר"ן און ער איז גערירט געווארן דערפון. עס האט געהויבן ברעמען ביי פילע, איז דאס טאקע ווער? מאכט דאס לערנען ליקוטי מוהר"ן משוגע א מענטש?

איך האב מיך נישט געפוילט. איך האב מיך געזעצט מיט אים צום טיש און בתוך הדברים האב איך אים אנגעהויבן אויספרעגן איבער זיין שייכות מיט ברסלב, איבער זיינע שיעורים אין ליקוטי מוהר"ן. און אזוי, בשעת רעדן - איך האב נאך בכלל נישט געהאט אין פלאן אריינצוגיין אין דעם הייקלן נושא, איך האב געוואוסט אז עס איז א הייקעלע נושא... גאר א הייקעלער נושא... דער פעטער... ער איז מיר זייער נאנט צום הארצן - האט ער פון זיך אליין זיך אנגעטראגן און אנגעהויבן רעדן פון דעם, ווי ער איז ממש גערירט געווארן, ווי די ליקוטי מוהר"ן מאכט אים ממש משוגע.

יא, איר הערט גוט, ברסלבער... ער דערציילט אליין מרצונו הטוב, דערציילט ער מיר אז איידער ער האט אנגעהויבן לערנען דעם הויכן ספר, האט אים גארנישט געקרענקט. ער איז געקומען און געגאנגען כאילו לא היה, זיין לעבן איז אנגעגאנגען ווי געהעריג. ער האט געמאכט ביזנעס, געשפילט דעם שפיל וואס אלע שפילן, און נאך איבערגעגעבן פאר די קינדער אז אזוי



ליקוטי מוהר"ן תקפ"א

נדפס במסירות נפש בבית רבי נתן בברסלב

נקודות וואס
דערגרייכן דאס
פינטעלע איד

**הרב אברהם משה שטראססער**

זאלן זיי אויך טון - שפילן דעם שפיל די ריכטיגע וועג כדי זיי זאלן קענען בלייבן אינעם סיסטעם... זיי זאלן קענען גוטע שידוכים טאן...

ביז עס איז געקומען דער טאג וואס אלעס האט זיך געענדיגט. ער איז מקורב געווארן צו די ברסלב'ע סעקט און זינט דאן האט ער נישט קיין מנוחה. קיינער האט אים נישט געקענט רירן פון פלאץ. תורה ומצוות זענען ביי אים געווען א לצנות, יאאאא... אינדרויסן האט ער גע'שמ'ט אלס א ידען א למדן, א חסידישער איד, ממש א פלאם פייער, אבער אינעווייניג איז ביי אים די אמונה געווען אויסגעלאשן. יעדע זאך וואס עס האט נישט געהאט מיטן "מה יאמרו הבריות" צו טאן איז ביי אים געווען א געלעכטער. ער האט געצינדן חנוכה ליכט, געבויט זיין סוכה, און אפילו געפאטשט ביי בואו בשלום, זיך צאמגעריבן די הענט אינעם רושדזעוואלקע, אה, ממש א פלאקער! אבער אינעווייניג איז געווען פוסט און לער. תפילין האט ער געלייגט אוודאי, ווייל ער האט נישט געוואלט אז מען זאל טראכטן אז ער איז אויס חסידישער איד.

און רעדן צו א ווייב? ווי א ציגאנער, געשריגן און איר פארשעמט, עס איז דאך נישט דא קיין חשש פון "מה יאמרו הבריות", קיין חשש פון טון שוואכע שידוכים. אדרבה, ער איז דאך אן אמת'ער געוויקטער חסידישער איד, ער רעדט דאך צו זיין ווייב אזוי ווי עס שטייט אין זיין תורה.

אויסגעלאשן, פארפוילט פון אינעווייניג ביז אינדרויסן, קשיות אויפן אייבערשטן, אויף צדיקים, אויף חז"ל.

> דער ליקוטי מוהר"ן הערט אים נישט אויף משוגע מאכן. וואס וועט זיין מיט ששה סדרי משנה? וואס וועט זיין מיט גמרא? מיט מעביר סדרה זיין? וואס וועט זיין מיט א דאווענען מיט א ריין הארץ פארן אייבערשטן?

דא איז געקומען דער הייליגער רבי און ער איז ממש גערירט געווארן. א שטיינערנע הארץ, א לץ, א קל, א ריק, א פוחז והולך... קיינער האט אים נישט געקענט רירן, און דא איז ער ממש גערירט געווארן.

דער ליקוטי מוהר"ן האט אים אנגעהויבן משוגע מאכן. "דו ביסט א שיינער איד? ווי איז דיין שייכות מיטן אייבערשטן? דו ווייסט אז נאך אביסל בלייבט פון דיר גאר גאר גאר נישט, נאר א זעקל ביינער, און וואס וועסטו ענטפערן ווען מען וועט דיך פרעגן אויף די אמת'ע וועלט ווי פאפעראציע איז קיין ארטיקל נישט? ווי איז דיין חומש, דיין משניות? גלייבסטו אין גאט אז ער האט באשאפן די וועלט? האסטו א שייכות מיט אים חוץ וואס אנבאלאנגט שידוכים און סיסטעם?" יא, יא, דער ליקוטי מוהר"ן האט אים נישט אויפגעהערט משוגע מאכן. "וואס וועט זיין מיט מיר, ליידיגגייער... פוסטער יונג..." דער ליקוטי מוהר"ן האט מיך ממש נישט אויפגעהערט נאגן און משוגע מאכן, ממש פעגערן און צעגערן "פארוואס ביסטו דא? וואס טוסטו אין דיין לעבן? אלעס איז שאו? אלעס איז בלאף? אלעס איז פארן בילד? וואס וועט זיין מיט דיין דורשטיגע נשמה?"

דער ליקוטי מוהר"ן הערט אים נישט אויף משוגע מאכן. וואס וועט זיין מיט ששה סדרי משנה? וואס וועט זיין מיט גמרא? מיט מעביר סדרה זיין? וואס וועט זיין מיט א דאווענען מיט א ריין הארץ פארן אייבערשטן?

די אלע תירוצים, ווי "היינט איז שוין נישט מעגליך", "היינט איז אלעס א בלאף". היינט, נאך תשל"ט, איז שוין סיי ווי אלעס נאר א שפיל. אלעס האט זיך אויפגעהערט ווען דער ליקוטי מוהר"ן האט אים אנגעהויבן משוגע מאכן אויף א נעקסטע לעוול, אז עס איז בוודאי יא דא. מען קען היינט מיט די היינטיגע נסיונות זוכן און געפינען עצות וואס מען קען טון זיך צו פארזיכערן, זיך און די דורות, פון די מאסן שמד וואס עס גייט פאר היינט.

יא, דאס וואס קיין איין טיש, קיין איין באטע, קיין איין חסידיש ספר האט אים נישט געקענט רירן, האט דער ליקוטי מוהר"ן אים גענומען און ער איז ממש בארירט געווארן.

# מ'בייט שוין א
# זאגן הל

ל



**אנשי שלומינו רופן זיך
אן גאר ווארעם און מיר
האבן שוין עריכט מער
ווי א דריטל פונעם ציל!**



פאראיאר האבן מיר פארטיילט ב"ה:
איבער 100 טויזנט שקלים!

העלפט אונז קענען פארטיילן היי יאר דאפלט!

זכות החלוקה 00

זכות שטאט 10x

זכות משפחה גדולה $1,000

זכות משפחה $500

זכות

נדרים פלוס nedar.im/7017273

ע"ש יעזורו - קמחא דפסחא - היכל הקודש

מו"ה אהרן שלעזינגער הי"ו 65893

נעמט א חלק

*sruliHeskel

קאמפיין
תשפ"ו




עניי
ארץ
ישראל

# קמחא דפסחא

יו"ט מיט הרחבת הדעת
פאר אנ"ש בארה"ק
שע"י **"יעזורו"**

# ט

הושיבו, עם נדיבים



מיר האלטן שוין ביי 65 טויזנט שקל
באך 135 טויזנט צו גיין!

$10,00

4 נמכר
$3600

$180
בחלוקה

בי פעי KD13

+97253316

אין אמעריקע קען מען איבערגעבן נתינות פאר:
**מו"ה יהושע רבינאוויטש הי"ו**
718-306-4552

# אלץ און אלעמענ'ס



## מורישקעס אויפן דאך

ש א ל ה

איך באטראכט אלץ די מורישקעס וואס קריכן ארום אין אונזער הויז, און איך זע אז זיי קענען קריכן אויפן פלאר, אויפן וואנט, און אזוי אויך אויפן דאך, איך וואונדער מיך וויאזוי קען א מורישקע זיך האלטן אויפן דאך?

ר. זאבעל

ע נ ט פ ע ר

דאס איז א גאר קלוגע שאלה. וויאזוי קען טאקע א מורישקע שפאצירן אויף א וואנט און אויפן סופיט (די אינעווייניגסטע זייט פונעם דאך הייסט אויף אידיש "סופיט", אויף ענגליש "סילינג", די דרויסענדיגע חלק, אויפן גאס, הייסט "דאך" אויף ענגליש "רוף"), מיט קאפ אראפ, אן דעם וואס זי זאל אראפפאלן?

דער ענטפער איז, אז דער באשעפער האט איר צוגעשטעלט די כלים וואס זי דארף האבן כדי צו קענען טון וואס זי דארף. אירע פיצעלע פיסלעך פארמאגן גאר קליינע העקעלעך און זענען אויך אביסל קלעבעדיג. זי שטעקט אריין די דאזיגע העקעלעך אין די קלענסטע שפאלטן, וואס קענען זיין אזוי קליין אז אונזערע אויגן באמערקן עס בכלל נישט. פאר אונז קען א שטח אויסזען אינגאנצן גלאט און פלאך, אבער פאר די מורישקע, וואס איז פיצל און וועגט כמעט גארנישט, זעט דער שטח אויס ממש פול מיט "הויכע בערג" און "טיפע טאלן", וואו זי קען דארט אריינשטעקן אירע קליינע קלעבעדיגע פיסלעך און זיך האלטן פעסט, אפילו אויפן סופיט.

דער באשעפער האט באשאפן דעם קליינעם מורישקע מיט א גוואלדיגע חכמה. זיי ארבעטן אינאיינעם מיט א געוואלדיגע אחדות, יעדער איינער טוט זיך זיין פליכט, און אויף דעם וועג קלויבן זיי צונויף שפייז; זיי בויען אויף גאנצע שטעט פול מיט הייזער און צימערן, און מסודר'דיגע סטארעדזשעס אנגעפילט מיט עסן פארן גאנצן לאנגן ווינטער.

פאר אונז איז עס א געוואלדיגע לימוד: אפילו ווען מיר פילן זיך אזוי קליין און גארנישט, דארפן מיר ווייטער אנגיין מיט אונזער עבודת השם. יעדער איד דארף טון וואס דער באשעפער וויל פון אים, און דורך דעם וועט ער זיך אויפבויען א הערליכן פאלאץ אויף יענער וועלט, ווי ער גרייט זיך אן אן אוצר אנגעפילט מיט אלעם גוטן. יעדע משנה וועט זיין פאר אונז די לופט צום אטעמען, יעדער קאפיטל תהילים וועט זיין א געשמאקע טרונק, און יעדער פסוק חומש וועט זיין פרישע, געשמאקע שפייז.

לאמיר פאלגן דעם צדיק, וועלן מיר וויסן אז דער אייבערשטער וויל נישט מיר זאלן טון זאכן וואס זענען העכער אונזערע כוחות. אזוי ווי דער הייליגער רבי טייטשט אויפ'ן פסוק "ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה" - אז די אידן האבן ליידער נישט געוואלט אויסהערן משה רבינו, ווייל זיי האבן געמיינט אז מען דארף טון שווערע עבודות.

יעצט מיר גרייטן זיך צום הייליגן זיסן יום טוב פסח, דארף מען וויסן אז חומרות אנעם אייבערשטן קען ברענגען מרה שחורה.

דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג פאר פסח אז חומרות קען מען נאר האבן אויב עס איז מיט שמחה אן קיין נערוון, אידישקייט איז זיס און געשמאק.

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

**גרשון קרעמער**

*alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447*




## וועיז פוינטס

**שאלה**

איך האלט שוין ביי איבער 7,384 פוינטס וואס איך באקום פון די באקאנטע נעוויגאציע עפפ 'וועיז' (Waze). יעדעס מאל וואס איך באריכט עפעס א צושטאנד אויפן וועג, ווי למשל א פאליציאנט, טרעפיק, נעפל, אדער א פאטהאל, באקום איך פרישע פוינטס. איך וואלט געוואלט וויסן וואו איך קען דאס פארקויפן; וועל איך עפעס קענען פארדינען דערפון ווען איך קום אן צו א גרויסע צאל, למשל צו 12,000 פוינטס?

**ענטפער**

מיין טייערער ידיד, איך וויל דיר נישט אנטוישן, אבער עס איז כדאי דו זאלסט וויסן אז אפילו אויב דו וועסט גרייכן ביי וועיז צו א ביליאן פוינטס – יא, א גאנצע ביליאן מיט א "ב" – וועסטו פארדינען דערפון איין גרויסע ריזיגע גארררררררנישט מיט א ביליאן רי"ש'ס. דו קענסט מאכן א ביליאן באריכטן פאר די פירמע, אבער אויסער פוינטס בלייבט דיר גארנישט דערפון, וועיז געבט גארנישט דערפאר. פון די אנדערע זייט, פאר "איין" ווארט צום אייבערשטן פארדינט מען גאר אסאך; זאג איין ווארט "באשעפער" און דו האסט שוין פארדינט מער פון א ביליאן דאלער. זאג איין פרק משניות, איין פסוק חומש, אדער עטליכע שורות גמרא, און דאס וועט דיר בלייבן אויף אייביג.

אויב דו נעמסט אריין דעם אייבערשטן בשעת'ן באריכטן, איז עס שוין גאר עפעס אנדערש. ווען דו פארסט און דו זעסט א פאטהאל און דו ווילסט טון א מצוה, א חסד מיט א צווייטן איד, און מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה כדי יענער זאל נישט שאדן האבן קיין געלט – דאס זענען שוין באמת אסאך פוינטס, און דאס לוינט זיך זיכער. אבער אויסער דעם, סתם צו באקומען פוינטס, איז נישטא קיין שום סיבה פארוואס.

וואס מען קען אבער יא זען דערפון, איז די כח פון א גוט ווארט. די כח פון א "וואַו" - מיליאנען מענטשן זענען גרייט זיך איינצושטעלן און אפילו באקומען א טיקעט (ווייל לעגאל טאר מען נישט אנרירן דעם טעלעפאן ביים דרייוון), אבער עס לוינט זיך אים, ווייל ער גייט באקומען א העכערע ראנג ביי "וועיז" און זיין סטאטוס גייט זיך הייבן. ווען איינער הייבט אן צו נוצן וועיז, איז זיין סטאטוס א "בעיבי וועיזער", ער קען אבער שטייגן צו א "וועיזער", דערנאך צו א "נייט וועיזער", און דער העכסטער טיטל איז א "ראיאלטי וועיזער". "דו ווייסט ווער איך בין? איך בין נישט סתם אבי ווער, איך בין א יש, איך בין א ראיאלטי וועיזער!"

דעם טריק קענען מיר אויסנוצן אויף א פאזיטיוון אופן: צו געבן גוטע ווערטער פאר אלע אונזערע ארומיגע און זען די שיינע זאכן ביי זיי, בפרט ביי קינדער. "וואו, דו ביסט אזא צדיק, דו דאווענסט אזוי שיין!" און די קינדער וועלן מיט'ן אייבערשטענס הילף אויסוואקסן ערליך, געזונט און גוט.

קאמפאניס נוצן טאקע די עצה פאר זייערע אייגענע בענעפיטן. זייער ציל איז געלט, און כדי מען זאל זיך קענען פארלאזן אויף זייער עפפ, מוזן זיי האבן באנוצער וואס באריכטן. אנשטאט צו באצאלן מיט געלט, געבן זיי עפעס וואס איז אסאך מער ווערד פון געלט: עטענטשן.

דערפאר מיין טייערער חבר, אנשטאט צו שטיין און רעפארטן יעדע זאך, און באקומען נאך א 'וואו', זיי ענדערש דו דער וואס טיילט ריוואורדס; געב פוינטס פאר אלע דיינע ארומיגע, און דו וועסט האבן א זכות מחזק צו זיין אידישע קינדער צו שטייגן אין תורה און אין יראת שמים.

# נישט זיין קיין הפקר מענטש




**בעזרת השם יתברך – יום ד׳ פרשת שמיני, כ׳ אדר ב׳, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב זייער הנאה אז דו גייסט אן מיט דיינע שיעורים, און מיין גרעסטע שמחה איז ווען דו פארציילסט מיר אז דו האסט געמאכט א סיום, ווייל דער ס"מ וויל נישט אז מען זאל מאכן א סיום, און די ר"ת פון זיין נאמען איז סִ'יּוּם מַ'סֶּכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת; ווייל ווען א מענטש לערנט פארברענט ער אלע קליפות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תלמוד באטרעפט די זעלבע ווי דער נאמען פון די קליפה וואס מאכט א מענטש זינדיגן אין פגם הברית; און לערנען גמרא איז מכניע די קליפה, דערפאר האט דער ס"מ זייער מורא פון א דף גמרא.

איך האף אז דו העלפסט ארויס אין שטוב דיין ווייב, ווייל דער יצר הרע פארלייגט זיך זייער שטארק צו מאכן א קריגעריי צווישן מאן און ווייב, און אזוי איז ער מכשיל דעם מענטש מיט גראבע עבירות רח"ל. מוהרא"ש פלעגט כסדר זאגן: "ווער עס וויל נישט ליידן אביסל, ליידט אסאך"; דאס איז געזאגט געווארן בכלליות אינעם לעבן, און בפרטיות אין שלום בית. אז מען האט נישט קיין סבלנות, נאר מען שרייט אויף די ווייב און מען קריגט זיך, ליידט מען נאכדעם אסאך, ווייל זי וועט דיר נישט שולדיג בלייבן, און פון א קלייניקייט און א שטות וועט ווערן א גאנצע מחלוקת.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זאלסט זיך נישט טענה'ען מיט דיין ווייב און איר חס ושלום נישט טשעפען, ווייל אז מען טשעפעט א ווייב און זי וויינט באקומט מען א גרויסער עונש. חז"ל זאגן (בבא מציעא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ

**עצתו אמונה שמיני תשע"ו**

מְצוּיָּה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", א מענטש זאל זייער אכטונג געבן נישט צו טשעפענען זיין ווייב, ווייל זי וויינט זייער שנעל; דאס האט מוהרא"ש כסדר גערעדט, און דאס איז פון די יסודות אין "היכל הקודש", און איך בעט דיר זייער אז אויב דו קענסט זיך דאס נישט פארנעמען, זוך דיר א צווייטע פלאץ, דא איז נישט קיין הפקר פלאץ, מיר האבן שוין גענוג געליטן און מיר ליידן נאך עד היום פון די שלעכטע נאמען וואס עס איז דא אויף ברסלב, כאילו אז ביי אונז איז מען א הפקר יונג, און מיר לאזן איבער די פרויען וכו', און מיר העלפן נישט אין שטוב וכו', אלעס קומט נאר פון אפאר משוגעים וואס האבן זיך צוגעטשעפעט צו ברסלב, און נאכדעם זאגט מען אז דאס איז ברסלב.

איך האב נאך קיינמאל נישט ארויס געווארפן איינעם פון בית המדרש, זאל ער זיין דער גרעסטער בעל עבירה רח"ל, אדרבה, מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט צו מחזק זיין יעדן איינעם, נישט קיין חילוק וואס ער איז און ווער ער איז, חוץ איינעם וועם מוהרא"ש האט מיר געהייסן איך זאל אים פארשיקן. עס איז מיר געווען זייער שווער צו פאלגן, אבער איך האב אים פארשיקט, פארוואס האט מיר מוהרא"ש געהייסן אים פארשיקן? ווייל ער פייניגט זיין ווייב.

איך בין זייער שטארק אין דעם, און איך וועל ווייטער שטיין אויף דעם, ביי אונז איז א פלאץ פון דאווענען און לערנען און זיך פירן מיט גרויס דרך ארץ, מחוצפים און עזות פנים'ער קענען נישט זיין דא, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז יעדעם קען ער העלפן חוץ אן עזות פנים.

א אינגערמאן איז געקומען צו מיר אז איך זאל אים העלפן, נאכדעם וואס זיין ווייב איז אנטלאפן פון אים; פרעג איך אים: "וואס ווילסטו פון מיר, איך קען דיך אפילו נישט?!" זאגט ער מיר אז ער האט געהערט אז איך קען צוריק שטעלן מאן און ווייב. האב איך אנגעפאנגען צו טון פאר אים, ווייל דאס הארץ האט מיר געריסן צו זען ווי אזוי א משפחה פון אכט קינדער וועט גיין צוגרינד.

בתוך הדברים זאגט ער מיר אז ער איז געווען אין אומאן אויף ראש השנה, און ער איז צוריק געקומען אביסל שפעט, פרעג איך אים: "וואס הייסט שפעט?" זאגט ער מיר: "נאך סוכות", זאג איך אים: "גיי ארויס פון דא, דו ביסט א הפקר מענטש, דו האסט איבערגעלאזט א ווייב מיט אכט קינדער אויף גאנץ חודש תשרי?! די שענסטע צייט אין יאר וואס א טאטע און א מאמע פארברענגען מיט די קינדער, מילא ראש השנה האבן מיר א באפעל פונעם רבי'ן אז מיר מוזן קומען, אבער יום כיפור און סוכות?!"

וואס זאל איך דיר זאגן, ער וואוינט אין א שטעטל וואו עס וואוינען נישט צו סאך משפחות, און יעדער קען זיך, און ער איז גורם אז דעם רבינ'ס נאמען איז פארשעמט ביי יעדעם איינעם דארט רח"ל, ווייל ווער עס איז א ברסלב'ער חסיד דארף אכטונג געבן אויפן רבינ'ס נאמען, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן אז עס זאל נישט ארויס גיין קיין שלעכטע נאמען אויף אים; ווייל ער טראגט דעם נאמען פונעם צדיק, און נאכדעם איז ער גורם אז מענטשן ווענלן זיך דערווייטערן פונעם צדיק.

דערפאר בעט איך דיר זייער, האב רחמנות אויף דיר אליין, און זיי נישט פארנומען מיט חברים וואס ווענלן דיר נישט העלפן ווען דו וועסט זיין אין א צרה, גיי ענדערש אהיים און העלף אין שטוב; פארברענג מיט דיין ווייב און הער איר אויס, און ווייז אינטערעסע אין אירע ענינים. חז"ל זאגן (יבמות סג): "נְחוֹת דַּרְגָּא, גיי אראפ א שטאפל פון דיר, וּנְסִיב אִיתְּתָא, און האב חתונה", נאך זאגן חז"ל (בבא מציעא נט.): "אִתְּתָךְ גּוּצָא, דיין ווייב איז קליינקעפיג, כְּפוֹף עַצְמְךָ וּשְׁמַע דְּבָרֶיהָ, לאז דיך אראפ צו איר"; איך האף אז דו וועסט האבן שכל און טראכטן פון תכלית און העלפן אין שטוב.

**א גוטן טאג.**



# פשרהלאג

**א י ן**

***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין אמעריקע.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. ער גרייט זיך צו די חתונה פון זיין טאכטער אסתר.*

***און יעצט לייענט ווייטער.***

רבי יעקב יוסף האט זיך געיאגט צום דרוקער צו דרוקן די חתונה בריוולעך. ער האט אנידערגעלייגט א צעטל פארן דרוקער מיט דעם פונקטליכן לשון וואס ער וויל עס זאל געדרוקט ווערן.

דער דרוקער האט געקוקט אויף דעם צעטל און דערנאך צו רבי יעקב יוסף. זיין קול איז געווען וואקלדיג, "רבי יעקב יוסף, זענט איר 'זיכער' אז איר ווילט צולייגן די ווערטער צו אייער איינלאדענונג?"

"זיכערער ווי זיכער. טוישט גארנישט דערפון," האט רבי יעקב יוסף געזאגט אנטשלאסן.

וואס איז דארט געשטאנען? רבי יעקב יוסף האט געהייסן ארייננדרוקן, "די געסט ווערן אויפגעפאדערט זיך אנצוטון בצניעות לויט די חוקי התורה און זיך אויפצופירן ביי די חתונה לויט ווי די תורה פארלאנגט און זיך ח"ו נישט מישן בתערובות." (וואס איז ליידער אין יענע תקופה געווען גאנגבאר)

דער דרוקער איז נאך געווען אומזיכער, "זיי וועלן לאכן פון אייך."

"זאלן זיי לאכן," האט רבי יעקב יוסף געזאגט, אן כאפן התפעלות. "איך וועל אויספאלגן די תורה, און נאכמער, איך וויל באשטעלן ביי אייך א גרויסע שילד מיט די ווערטער 'דאס עסן באלאנגט פאר'ן אייבערשטן, נאר נאכ'ן מאכן א ברכה איז עס אייערס!'"

ווען רבי יעקב יוסף איז פארטיג געווארן ביים דרוקער, איז ער ווייטער געגאנגען צום קעיטערער. "איך וויל כשר'ן אלע טעפ לכבוד די חתונה פון מיין טאכטער. און אויך דארף איך נייע געשיר."

"וואס איז שלעכט מיט מיינע טעפ און געשיר?" האט זיך דער קעיטערער געבייזערט. "איך האב נאך קיינמאל נישט געהאט אזא פארלאנג, אפילו פון א שומר תורה ומצוות."

רבי יעקב יוסף האט אריינגערוקט א שיין ביסל געלט אין די האנט פונעם קעיטערער. "דא האט איר דעם דעפאזיט."

געלט האט גערעדט צו זיין הארץ, "עס איז אייער געלט. מיר וועלן טון וואס איר בעט." (דאס איז געווען אין א צייט ווען רבי יעקב יוסף איז געווען זייער געענגט אין געלט.)

עטליכע טעג פאר די חתונה איז רבי יעקב יוסף ווידער געקומען צום קעיטערער. "איך וויל אנווענדן זיין בשעת שחיטה."

דער קעיטערער איז נישט געווען עקסטער פרייליך דערצו, אבער האט גארנישט געזאגט.

אין א מזל'דיגע שעה האט זיך משפחת הערמאן ארויסגעלאזט צו די פרייליכע חתונה פון זייער זעכצן-יעריגע טאכטער.

אויפ'ן וועג צום זאל האט רבי יעקב יוסף מסביר געווען פאר זיין יונגסטע טאכטער רומחה וויאזוי זיך אומצוגיין מיט דעם גרויסן שילד, וואס דערמאנט פאר מענטשן צו מאכן ברכות.



## מ. מאנן 14

די הערמאנ'ס זענען אנגעקומען קאמפסגרייט. ביים טיר איז געשטאנען איינער פון די קינדער מיט א גרויסן קעסטל אנגעפילט מיט ברייטע שאלן צו טיילן פאר אלע פרויען וואס זענען נישט אנגעקומען בגדרי הצניעות. עקסטער האט א משפחה מיטגליד געגעבן א קארטל פאר יעדן פון די געסט וואו עס ווערט עקסטער אויפגעפאדערט זיך צו פירן לויט די גדרי הצניעות און פאדערט אויף זיך נישט צו מישן בתערובות.

די בריוולעך און קארטלעך האבן צושטורעמט די געמיטער. קופקעס זענען געשטאנען אין דער זייט און דעבאטירט די מאדנע פארלאנגען. די געסט האבן זיך געבייזערט אויף די חוצפה און זיך אפגערעדט אז זיי האבן געדארפט קויפן נייע בגדים פאר די שמחה.

עס איז נישט געגאנגען אזוי גרינג. אסאך פון די געסט זענען געווען מחוצפים און דוקא פרובירט זיך אויפצופירן נישט ערליך. רבי יעקב יוסף האט מערערע מאל געדארפט צוגיין צו די געסט און בעטן, "איך פארלאנג אז דא זאל מען זיך צושטעלן צו די געבאטן פון דער תורה."

עס האט זיך פארלאנגט א געוואלדיגע מאס מסירת נפש צו זיין אנדערש און שטיין העלדיש קעגן באקאנטע און פריינט און קעגן א גאנצע וועלט.

אפילו די קליינע רוחמה, וועלכע איז ארומגעגאנגען מיט דער שילד צו דערמאנען מענטשן צו מאכן ברכות, האט באקומען באמערקונגען, "איך נויטיג זיך נישט אין קיין דערמאנונג זיך צו וואשן אדער צו מאכן ברכות."

די חתונה האט זיי גוט אויסגעשעפט, אבער די הערמאנ'ס זענען אהיימגעקומען גאר פריילעך. דער טאטע האט זיי מחזק געווען, "שטארקט זיך. ווען א איד פירט זיך אויף ווי דער אייבערשטער וויל, דארף ער דאס טון שטאלץ אן קיין בושה."

רבי יעקב יוסף איז געווען דער ערשטער וואס האט אוועקגעשטעלט אזעלכע מושגים אויף דעם אמעריקאנער באדן. צוביסלעך האבן עס אנדערע אנגעהויבן נאכצומאכן, ביז דאס פנים פון אמעריקאנעם אידנטום האט זיך צוביסלעך אנגעהויבן צו טוישן.

ובמקום שאין אנשים, השתדל להיות איש.

ווען דער אינגערמאן יום טוב ליפמאן איז אלט געווארן זעקס-און-צוואנציג יאר איז ער ל"ע געווארן שטערבליך קראנק. די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן אויף זיין לעבן. עס האט אויסגעזען ווי מען גרייט זיך אויף א לוי'. אבער פלוצלינג האט זיך דער מצב אויסגעדרייט און ער איז געווארן בעסער און בעסער ביז ער האט זיך אינגאנצן ערהוילט.

דרייסיג יאר שפעטער איז רבי יום טוב ליפמאן נפטר געווארן. ביי די שבעה האט א ברודער דערציילט דאס פאלגנדע:

ווען דער טאטע פון ר' יום טוב ליפמאן, רבי יוסף, האט געהערט איבער זיין זון, איז ער ווי פארשטענדליך זייער צושאקלט געווארן.

ער האט דאן אפגעשריבן א בריוו צו זיין רבי'ן, דעם הייליגן חפץ חיים, וואו ער גיסט אויס זיין ביטער הארץ איבער דעם שיקזאל פון זיין זון און בעט דעם צדיק זאל מתפלל זיין פאר אים. רבי יוסף האט צוגעשריבן א שאלה, "צי מעג איך אוועקשענקען מיינע פארבליבענע יארן פאר מיין זון?"

דער חפץ חיים האט אים צוריקגעענטפערט אז ער קען דאס טאן.

עטליכע חדשים שפעטער האט מען ביי רבי יוסף אנטדעקט "יענע מחלה" ל"ע, און עטליכע חדשים דערויף איז ער נפטר געווארן.

רבי יום טוב ליפמאן האט באקומען פרישע דרייסיג יאר צו זיין לעבן. ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שטוב מיט לומדי תורה און ערליכע צניעות'דיגע טעכטער. ער האט געטון אסאך גוטע פעולות און גמילת חסדים און געלערנט אסאך משניות און געגעבן שיעורים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## איז עס טאקע דיין געלט?

די קומענדיגע וואך מאנטאג ה' ניסן, געפאלט די יארצייט פון דעם גרויסן צדיק רבי אברהם יהושע העשיל מ'אפטא זי"ע, אויך באקאנט אלס דער "אוהב ישראל", וואס דאס איז דער ספר וואס ער האט געשריבן. ווען עס פלעגט אנקומען צום הייליגן אפטער רב, זכותו יגן עלינו, אן ארימאן וואס האט געדארפט הילף – בפרט אויב עס האט זיך געהאנדלט וועגן פדיון שבוים, הכנסת כלה, אדער מחיה זיין אן אלמנה אדער א יתום – פלעגט דער רב אליין ארומגיין אין שטאט און בעטן פון אידן, רחמנים בני רחמנים, אז זיי זאלן ארויסהעלפן מיט צדקה צו ראטעווען א איד פון אונטערגיין.

פארשטייט זיך, אז ווען דער רב אליין איז ארומגעגאנגען נאך געלט, ווי נאר ער האט געקלאפט אויף א טיר און מען האט געעפנט און געזען ווער עס שטייט דארט, האט דער עולם געעפנט די טאשן און געזאגט: "רבי, נעמט וויפיל איר ווילט."

איינמאל קלאפט אריין ביים הייליגן אפטער רב א תלמיד חכם, אן עובד השם וואס איז געזעסן און געלערנט א גאנצן טאג, און ער זאגט פארן רב: "רבי, איך דארף חתונה מאכן מיין טאכטער און איך האב נישט קיין פרוטה לפורטה; איך ווייס נישט וויאזוי איך גיי איך קענען חתונה מאכן". ווי נאר דער הייליגער אפטער רב האט געהערט אזעלכע ווערטער, איז ער גלייך געגאנגען קלאפן אויף די טירן פון גוטהארציגע אידן, זיי צו בעטן אז זיי זאלן ארויסהעלפן דעם תלמיד חכם חתונה צו מאכן זיין טאכטער.

למעשה איז דאס געווען א גרויסער וואונדער, ווייל אין יעדע הויז וואו דער אפטער רב איז געגאנגען - וואו מען פלעגט אים געווענליך אויפנעמען מיט א ברייטע האנט און געבן שיינע נדבות - האבן אלע געהאט גוטע תירוצים, אבער למעשה האבן זיי גארנישט געגעבן. איינער האט געענטפערט: "דער רבי ווייסט דאך אז אלעמאל גיב איך שיין, איך גיב אייך מיין בערזל און איר נעמט ארויס וויפיל איר ווילט, אבער רבי, יעצט האב איך גארנישט, איך בין ליידיג".

אן אנדערער האט געזאגט: "רבי, ממש פונקט פריער איז דא געווען איינער וואס איך האב אים פארבארגט מיין גאנצע געלט, יעצט האב איך גארנישט, איך בין ליידיג, דער רבי זאל מיר מוחל זיין". אזוי האט יעדער געהאט גוטע סיבות פארוואס ער איז ליידיג און קען נישט געבן קיין געלט.

ווי נאר דער הייליגער אפטער רב האט געזען וואס עס טוט זיך דא אפ, איז ער אהיימגעגאנגען און זיך אנגערופן צו זיין רעבעצין: "מיין טייערע ווייב, מען גייט דארפן פאר'משכונ'ען די לייכטער און דיינע טייערע צירונג, ווייל עס געפינט זיך דא א נצרך, א איד וואס דארף חתונה מאכן זיין טאכטער און ער האט נישט קיין געלט."

האט זי געפרעגט: "רבי, וואס איז דאס מאל אנדערש ווי אלעמאל, אז מען דארף אלעס פאר'משכונ'ען?" האט דער אפטע רב געענטפערט: "אלעמאל ווען איך גיי נאך געלט קומט עס מיר אן גרינג, ווייס איך נישט אויב עס איז באמת א וויכטיגע צוועק אדער נישט; אבער דאס מאל קומט עס מיר אן זייער זייער שווער, קיינער האט מיר נישט געגעבן קיין געלט, יעדער מיט זיינע גוטע תירוצים, און געלט צו העלפן דעם איד האב איך נישט. זע איך דערפון אז אויב עס גייט אזוי שווער, איז עס א סימן אז דאס איז גאר א וויכטיגע צוועק און א גרויסע מצוה ארויסצוהעלפן דעם תלמיד חכם וואס דארף חתונה מאכן זיין טאכטער, דעריבער וויל איך טון אלעס וואס איך קען." און אזוי האט דער אפטע רב טאקע געטון.



פון דעם זעט מען די גרויסקייט פון ארויסהעלפן א צווייטן איד, בפרט ווען עס קומט אן שווער.

יעצט פאר פסח איז די גרעסטע מצוה צו העלפן א צווייטן איד צו קענען אריינברענגען דעם יום טוב מיט א רואיגקייט, דורך אים געבן אפאר דאלער ער זאל קענען איינקויפן אלעס נויטיג לכבוד יום טוב.

*שיחות מוהרא"ש חלק ג' ערך צדקה*



## דעם הייליגן רבינ'ס

# לעבנסגעשיכטע

## קנ"ד

# פארזעצונג פון פריער:

**אַכְט טֶעג נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר בֶּענְקֶען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיין עִיקָר מְנִיעָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין וֶועט זַיין בֵּייז אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ. זַיין חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק יָא צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים אַרַיינְגֶעשִׁיקְט אַ גֶעדַאנְק אִין קָאפּ וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס אוֹיסְפִירְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַן עֵצָה אַז עֶר וֶועט פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ בִּינְדְן דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהַאט בַּאפוֹילְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בִּינְדְן דֶעם סֵפֶר אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב צוּלִיבּ דִי פִילֶע מִתְנַגְּדִים וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעוואוֹינְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט וַוייזְן זַיינֶע תּוֹרוֹת פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל בִּינְדְן דֶעם סֵפֶר נָאר אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אִין פְּלַאן מִיטְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם סֵפֶר קַיין בְּרֶסְלֶב אוֹיף שָׁבוּעוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעפִירְט, דֶערִיבֶּער וֶוען עֶר הָאט יֶעצְט גֶעוָואלְט וִוידֶער פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אִים דָאס גֶעוֶוען אַ גֶעוָואלְדִיגֶע עֵצָה אַז עֶר קֶען קוּמֶען מִיט אַ תֵּירוּץ אַז עֶר קוּמְט צוּ בִּינְדְן דִי קוּנְטְרֵסִים. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי.

עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פָארְנְט פוּנֶעם רֶבִּינ'ס הוֹיז. אָבֶּער דָאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין שְׁטִיבְּל צוּם גְרוֹיסְן הוֹיז אוּן עֶר גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁטֵייט דָארְט, אוּן אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען?", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בִּינְדְן דִי קוּנְטְרֵסִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "אוּן דֶערְפַאר הָאסְטוּ טַאקֶע יֶעצְט גֶעמוּזְט קוּמֶען?!", רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶּעס מוֹיל צוּ עֶנְטְפֶערְן פוּן גְרוֹיס פַּחַד.

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ גֶעוָואלְט גֵיין צוּם סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער אוּן זִיצְן דָארְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט מֶען זָאל לָאזְן דֶעם סֵפֶר אַלֵיין בַּיים אַיינְבִּינְדֶער אֲפִילוּ דָארְט אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, כָאטְשׁ וָואס דֶער סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הִיטְן אוֹיף דִי קוּנְטְרֵסִים אַז קַיין פְרֶעמְדֶער זָאל נִישְׁט צוּרִירְן דֶערְצוּ, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן בַּיים אַיינְבִּינְדֶער אַ גַאנְצְן פְרַייטָאג, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וַוייזְן זַיין פָּנִים פַארְ'ן רֶבִּי'ן בִּיז עֶרְשְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אָבֶּער גֶעוֶוען פוּל מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּן גוּטְסְקֵייט פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן כָאטְשׁ וָואס מִיט דִי לִינְקֶע הַאנְט הָאט עֶר אַבִּיסְל אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט הָאט עֶר פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גָאר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אֲפִילוּ דָאס בִּיסְל וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט אִיז אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען מִיטְ'ן צִיל מְקָרֵב צוּ זַיין דֶער וָואס וִויל אוּן בֶּענְקְט אֱמֶת'דִיג [אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט זִיךְ נָאכְאַנְאַנְד אַזוֹי], הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אַז עֶר זָאל זִיצְן דָארְט אַנְשְׁטָאט אִים.

רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אִין זַיין קְלֵיין שְׁטִיבְּל וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן דִי זַייט, רֶבִּי נָתָן אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן לִיגְן אִין בֶּעט, דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, עֶר הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן בֶּעט אוּן אִיז אַרַיין צוּם גְרוֹיסְן הוֹיז.

אִין יֶענֶע שְׁמוּעס הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם גֶעוָואלְדִיגְן וואוּנְדֶערְלִיכְן סוֹד פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס מֶען זָאל זָאגְן אִינֶעם טָאג וָואס מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ"א).

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש - סימן רע"א סעיף י

**הקדמה קצרה:**

די סיבה פארוואס שבת זאגט מען נישט קיין שהחיינו און יום טוב זאגט מען יא איז ווייל ס'איז וויניגער ווי 30 טעג פון איין שבת צום צווייטן. (פרי מגדים [101] בשם אבודרהם[102] ) דער כנסת הגדולה לייגט צו דאס אז ס'דארף אדורכגיין 30 טעג צו קענען זאגן שהחיינו איז ווען ס'איז אויפן זעלבן סארט זאך, אבער אויף א צווייטע סארט זאך זאגט מען אפילו אין די 30 טעג. למשל: שמיני עצרת איז דאך אן עקסטערע יו"ט פון סוכות, זאגט מען שהחיינו אפילו ס'איז תיכף נאך סוכות. אזוי אויך יום הקדוש איז דאך אפאר טעג נאך ראש השנה און מ'זאגט שהחיינו.

אז מען האט שוין דערמאנט די הלכה פון די ברכה פון שהחיינו איז גוט צוצולייגן אז די הלכה פון די ברכה פון שהחיינו ביי כלים איז אז ווען איינער קויפט א נייע כלי - א חשובע כלי,[103] וואס א מענטש האט א שמחה ווען ער קויפט עס ווי למשל א נייע קאר,[104] און אין די 30 טעג קויפט ער נאך א כלי, אפילו די זעלבע סארט זאך, זאגט מען נאכאמאל שהחיינו ווייל ס'איז א פרישע שמחה. דאס איז ביי א כלי, אבער ביי שבת קודש; וואס ס'איז דאך די זעלבע שבת קודש ווי פאריגע וואך, מילא מאכט מען נישט קיין שהחיינו.

אויך איז גוט צו וויס אז ווען ס'ווערט

### הגהות

101) משבצות סקי"ג.

102) שער ג' ברכת המצוות ומשפטיהם.

103) שו"ע או"ח סי' רכ"ג סעי' ג' - סעי' ו'.

104) אגרות משה או"ח ח"ג סי' ק"פ, לגבי קויפן א נייע קאר פון שבעה עשר בתמוז ביז נאך ט' באב אז מ'מעג נישט ווייל מ'דארף מאכן א שהחיינו און אין די דריי וואכן מאכט מען נישט קיין שהחיינו.

105) או"ח סי' רכ"ג סעי' א'.

106) עי' שו"ת שבט הלוי ח"ח סי' ל"ה.

107) אשל אברהם בוטשאטש.

108) מור וקציעה.

109) שם על סעי' א'.

110) עי' ספר הנפלא, שעכשיו יצא לאור, באר יחזקאל פ"א י. עת ללדת, או"ק ל"ד.

געבוירן א אינגל מאכט מען צוויי ברכות[105]; הטוב והמטיב און שהחיינו. ביי א מיידל מאכט מען נאר די ברכה פון שהחיינו און נאר ווען מען זעט דאס קינד,[106] נישט ווען מ'הערט די בשורה טובה למז"ט (שולחן ערוך). לכתחילה דארף מען זאגן די ברכות תיכף תוך כדי דיבור פון וואס מ'הערט די גוטע בשורה[107] אז ב"ה די קינד איז געזונט, און ביי א מיידל גלייך ווען מ'זעט די קינד. אויב מען האט נישט געמאכט די ברכה גלייך, קען מען נאך מאכן די ברכה ביז דריי טעג. נאך דריי טעג קען מען שוין נישט מאכן די ברכה.[108]

כאטש דער הייליגער רמ"א שרייבט[109] אויף די אלע ברכות אז: **'ויש שכתבו שנהגו להקל בברכה זו - דהיינו שהחיינו - שאינה חובה אלא רשות, ומזה נתפשט שרבים מקילים באלו הברכות** - ס'איז דא וואס זענען מקיל אז מ'דארף נישט מאכן די ברכה שהחיינו ווען א קינד ווערט געבוירן און צוליב דעם זענען טאקע דא אסאך וואס מאכן נישט די ברכה. זאגן די פוסקים אז דאס איז לגבי די חיוב - אז ס'איז נישט קיין חיוב. אבער ריכטיג איז אז מען זאגט יא די ברכות,[110] כל שכן א איד וואס שפירט אז ער דארף דאנקען דעם אויבערשטן אויף די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, דארף ער זיכער זאגן די ברכות[111] (זע הערה). דער ראש ישיבה שליט"א זאגט טאקע בשם מוהרא"ש זי"ע פאר בעלי שמחה אז זיי זאלן זען צו מאכן די ברכות.

**ל"ה]** שבת ביי קידוש זאגט מען נישט שהחיינו, יו"ט זאגט מען יא. די סיבה איז ווייל צווישן איין שבת און דעם צווייטן איז דא וויניגער ווי 30 טעג.

**ל"ו]** א באזונדערע יו"ט ווי למשל שמיני עצרת, זאגט מען יא א שהחיינו אפילו ס'איז אין די 30 טעג פון סוכות, אזוי אויך יום הקדוש אפילו ס'איז אין די 30 טעג פון ראש השנה.

**ל"ז]** די הלכה פון שהחיינו ביי כלים איז, אז איינער קויפט זיך א חשובע כלי ווי למשל א קאר, דארף ער מאכן די ברכה פון שהחיינו. אויב קויפט ער נאך א חשובע כלי, נישט קיין חילוק אויב ס'איז די זעלבע סארט זאך וואס ער האט שוין און אוודאי אויב ס'איז אן אנדערע סארט כלי, דארף ער מאכן א פרישע ברכה אפילו ס'איז אין די 30 טעג.

**ל"ח]** אז דער אייבערשטער העלפט און עס ווערט געבוירן א אינגל, תיכף וואס מען הערט די בשורה טובה אפילו מ'האט נאך נישט געזען דאס קינד, מאכט מען צוויי ברכות - הטוב והמטיב און שהחיינו, סיי די טאטע און סיי די מאמע זאגן די ברכה. אויב מען האט נישט געזאגט די ברכה תיכף קען מען זאגן ביז דריי טעג. ביי א מיידל זאגט מען נאר שהחיינו און נאר ווען מ'זעט די קינד, נישט ווען מ'הערט די בשורה טובה. כאטש דער רמ"א שרייבט אז ס'איז דא וואס זענען מקיל אין די ברכה פון שהחיינו, איז ריכטיג אז מ'זאל עס יא זאגן.

**שאלה:**

זאגט מען די ברכה פון שהחיינו ווען מען קויפט א נייע ציצית?

**תשובה:**

מען זאגט נישט די ברכה פון שהחיינו ביי א נייע ציצית, חוץ אויב די מענטש פריידט זיך זייער שטארק מיט די נייע בגד.[01]

**שאלה:**

ווער האט מחבר געווען די תפילה פון נשמת כל חי וואס מ'זאגט שבת און יו"ט ביים דאווענען?

**תשובה:**

ס'איז אנגענומען אז דער תנא שמעון בן שטח האט עס מחבר געווען. די ראשי תיבות פון **שוכן עד מי** ידמה לך **עד** הנה **ואילו פינו נשמת** איז שמעון.[02]

## הגהות

111) עי' בשולחן הטהור סעי' א', שמחייב לברך ברכות אלו, וכ' שם, וכל המקיל בשבח והודאה להשי"ת, מקילין לו ימיו ושנותיו רח"ל.

107) אשל אברהם בוטשאטש.

108) מור וקציעה.

109) שם על סעי' א'.

110) עי' ספר הנפלא, שעכשיו יצא לאור, באר יחזקאל פ"א י. עת ללדת, או"ק ל"ד.

111) עי' בשולחן הטהור סעי' א', שמחייב לברך ברכות אלו, וכ' שם, וכל המקיל בשבח והודאה להשי"ת, מקילין לו ימיו ושנותיו רח"ל.

01) באגרות משה או"ח ח"ג סי' ק"פ כ' דבעצם לא מצאנו חילוק בין טלית גדול לקטן, אבל כ' בזה"ל, לענ"ד נראה דכיון שהיא מטעם קנה כלים חדשים צריך שיהיה חשוב כדאיתא בסי' רכ"ג סעי' ו', מילא על טלית גדול מברכין, דהוא וודאי בגד חשוב, ועל טלית קטן, רק למי שחשוב לו יברך, אבל לסתם בנ"א אין זה בגד חשוב כ"כ, ואף שבשביל המצוה חשוב לו, לא מסתבר לברך כיון שעצם הבגד אינו חשוב לו.

02) הנה מצינו ברש"י בסידורו (סי' שפ"ט) כ' שהוא יסוד תיקון אנשי כנסת הגדולה, וכ"כ במחזור ויטרי' ה' פסח (סי' ע"ג) במחזור "כל בו" וכן הובא בספ' מגיד תעלומה כ', מצאתי יש אומרים ששמעון בן שטח יסדו ורמז בו שמעון.

# מעשיות פון תפילה



**שלמה זאלדאן** | בני ברק

1. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשט'ן צו קענען קויפן א גוטע געשמאקע באקוועמע קאר. (אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז מעו קען האבן א געשמאקע קאר, און רעדן צום אייבערשטן) און נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן האט דער אייבערשטער מיר געשיקט א קאר פונקטליך לויט אונזערע חלומות וואס אונז האבן געוואלט. שכח אייבערשטער!!!

2. איך בין געפארן אויף שבת זכור קיין צפון, שבת אינדערפרי האט זיך אנגעהויבן די מלחמה מיט איראן, עס האט געהאלטן אין איין פייפן אלארעמ'ס און איך האב געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן אז די וועג צוריק מוצאי שבת זאל זיין שטיל און רוהיג אן קיין פייפערייען.

דער אייבערשטער האט אזוי שיין געהאלפן, די גאנצע וועג איז אריבער בשלום ובשלווה, כאטש וואס פארדעם און נאכדעם האט זיך געהאלטן אין איין הערן אלארעמ'ס און באמבעס.

שכח אייבערשטער אויף די שיינע מעשיות פון תפילה!!!

שכח פאר די מערכת פון די שיינע בלעטל

**יואל לעווי** | בְּנֵי בְּרַק

ווי אלע ווייסן פליען מיסילס יעדן טאג פון איראן און חיזבאלא קיין ארץ ישראל, עס איז נישט קיין פשוטע מצב, מען בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אז קיין שום איד זאל נישט פון דעם ווערן געשעדיגט אדער חס ושלום ערגער פון דעם.

ביי די קינדער איז אביסל אנדערש די מעשה, יעדע מאל מען הערט אן אלארם אז א מיסל קומט צו פליען לויפן זיי ארויס קוקן וויאזוי די צווייטע מיסל קומט און האקט דאס אראפ, און עס מאכט אזא גרויסע פייער באלי, עס איז זייער אינטערעסאנט פאר זיי דאס מיטצוהאלטן.

פארשטייט זיך אז דאס איז נישט גוט צו נאכלויפן עס זען, עס איז נישט קיין שפיל, אבער פאר די קינדער איז בעסער אז זיי ווערן נישט דערשראקן דערפון.

למעשה אינמיטן די נאכט ווען מען הערט א מיסל וויל איך דאך זיכער נישט אז זיי זאלן זיך אויפוועקן און לויפן קוקן ביים פענסטער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז במשך דעם דאנערשטאג נאכט זאל נישט פליען קיין מיסלס.

שכח אייבערשטער אז ביז יעצט אינמיטן טאג פרייטאג פרשת ויק"פ איז נאכנישט געפלויגן קיין איין מיסל, דער אייבערשטער זאל אונז ווייטער אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

# א ווארט צווייל

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלען

• בערל שניצלער

avorttzvei@bletelmagazine.com שיקט אריין אייער ווארט צווייל צו

## דאון טו ערט

"פארוואס האט מען גענומען א 13 יעריג יונגל בצלאל צו בויען די משכן, פארוואס האט דער אייבערשטער געזאגט אז מ'זאל נישט אויפנעמען סתם אזוי איינעם, נאר ער וויל מ'זאל פרעגן דעם עולם צו מ'איז צופרידן פון אים?

ווייל כדי צו בויען א משכן, א פלאץ אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין אידישע קינדער מיזסטו זיין דא צוזאמען מיטן עולם, וויסן די שפראך פונעם יוגענט, און וויסן ווי אזוי אריינצוקומען קלאר..."

**– על פי דברי הדומ"ץ שליט"א שלש סעודות כי תשא תשפ"ו**

## אריכת הדברים

פארוואס איז פרשת ויקהל פקודי די לענגסטע פרשה? ווייל רש"י זאגט אז משה רבינו האט גערעדט, ער האט צאמגענומען די אידן דורך רעדן, און ווען מ'רעדט דארף מען האבן אסאך סבלנות...

**– א ברסלב'ער חסיד**

## דבר השם 'נשמע' מירושלים

"שלמה פערל (ווען ער איז געווען אין ישיבה אין אמעריקא) האט ער געזאגט אז ווען ער האט געוואלט וויסן וואו דער ראש ישיבה איז האט מען געקאלט קיין ארץ ישראל דער מגיד שיעור ר' משה שמואל פרעגן... ר' משה שמואל האלט זיך אין איין נאכפרעגן וואו דער ראש ישיבה האט געזאגט יעדן טאג, יעדע אטעם האלט ער מיט.

איינער שיקט מיר א מעסעדזש אז ער איז אריבערגעגאנגען די ישיבה אין ירושלים און ער הערט ארויס קולות ובקרים, ממש די ווענט האבן זיך געשאקלט אזוי ווי עס וואלט געפלאכן א באמבע... ער הערט זיך צו ווי ר' משה שמואל פייערט: 'ווער עס וועט רעדן איין ווארט ניבול פה וועל איך ארויסווארפן אן קיין רחמנות!' איך האב געהאט אזא נחת צו הערן..."

**– מדברי ראש ישיבה מתוך שמוסן שבת התוועדות הנל כנ"ל**

## הפצה סטאטיסטיקס

די סטאטיסטיק פון די לעצטע 70 יאר הפצה האט געוויזן אז רובא דרובא מענטשן זענען נתקרב געווארן דורך איינעם וואס האט עפעס געטון...

## חודש חדשים

"שבת החודש איז די לענגסטע קריאה, ווייל מ'דארף זיך האלטן אין איין באנייען, ס'איז נישט קיין קורצע מעשה פון איין מאל און שוין."

**– ר' העניך אינדיג אין א שמועס פאר שלש סעודות פרשת ויק"פ**

## א האלבע ברסלב'ע חסיד...

דער ראש ישיבה האט געזאגט

יארן צוריק ווען איך בין געפארן קיין אומאן האב איך מיך צוגעשארט צו רבי יצחק שליט"א, האט ער מיר געזאגט: "עס איז נישט דא אזא זאך 'איך בין א ברסלב'ע חסיד', האב איך היינט גערעדט צום אייבערשטן און געלערנט א הלכה בין איך היינט א ברסלב'ע חסיד, אויב איך האב נאר גערעדט צום אייבערשטן און נאכנישט געלערנט הלכה בין איך אפשר נעכטן געווען א ברסלב'ע חסיד, היינט בין איך א האלבע ברסלב'ער..."

**– ליל שבת קודש באטע שבת התוודעות לבחורי חמ"ד ויקה"פ תשפ"ו**

צענדליגע מ
שלומינו זע
אויף איי
יו"ט. רופט
און העלפט
דעם יו"ט בי
מי הרח

# די ערשטע קשיא איז:

פון וואו באצאלט מען
די פיש ארבעטער?

# די צווייטע קשיא איז:

פון וואו באצאלט מען
די פלייש ארבעטער?



# די תירוץ איז!

פונקט
ווי
יעדעס
יאר

ניטשט דא
קיין שום
חידושים
פסח תשפ"ו

## באפט א זכות:

זכות העלפער $500

זכות תומך $1,000

זכות שיינע איד $1,800

זכות נגיד $3,600

*sruliHeskel

# ג' אייר

ווער ס'געבט בעין יפה



יארצייט
סעודה
מיט דער
ראש ישיבה
שליט"א

משפחות אנשי
נען אנגעוואנדן
ר הילף דעם
אייך ווארעם
ט אריינברענגן
י אנשי שלומינו
בת הדעת!




**רופט דעם גבאי מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו 917.589.3382**

# געדאנקען

## נייע ענערגיע

אין די אמעריקאנער ביזנעס וועלט איז פאראן צוויי וויכטיגע ווערטער וואס מיינט גאר אסאך, און מען קען עס גוט נוצן אין חיי יום יום.

"לעווערעדזש" און "דעלעגעישן"

לעווערעדזש מיינט צולייגן כח דורך א קונצליכע מיטל, "געווינען" נייע כח, למשל, סתם אזוי קען איך אויפהייבן פופציג פונט קארטאפל, איך וועל טרעפן עפעס א כח פון לעווערעדזש אז דורך מיר זאל ווערן קונצליך אויפגעהויבן טויזנט פונט קארטאפל.

דעלעגעישן מיינט "שליחות".

דער סי. אי. או. פון יו. פי. עס. מוז נישט אליינס קומען קיין ליבערטי ניו יארק צו קוקן אויב אלע דרייווערס אין קווין אנן ראוד קומען אין צייט אדער נישט. ער באנוצט זיך מיט די כח פון דעלעגעישן, ער באנוצט זיך מיט די כח פון שליחות.

(לעולם איז עס א שטיקל חוצפה אז זיי געבן אן די אדרעס פון זייער HUB אז ס'איז אויף קווין אנן ראוד, ס'איז א פרעכער ליגנט, מען קען נישט אנקומען צו זיי פון קווין אנן ראוד, מען דארף גיין גראד ביי רעדקליף, און אזוי קומט מען אן, און די וויץ גייט נאך ווייטער, ווייל אז מען גייט גראד איז מען נישט אויף רעדקליף! די חוצפה'ניאקעס האבן געטוישט די נאמען צו CARR ROAD, שוין, מיט מחוצפים איז א שאד צו האנדלען).



דער סי. אי. או. פון יו. פי. עס. (קארל טאמי) מוז נישט אנקומען אליין צו יעדע פון זיינע טויזנט מיליאן פיסיגע ווערהאוזעס.

יא, ער האט טויזנט ווערהויזעס פון א מיליאן סקווער פיס א שטיק.

א מיליאן סקווער פיס מיינט צען "ארמערי'ס" (די סקווער בלאק וואו רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו איז ערשינען בשארית כוחותיו אום א' שלח תשל"ח, כ' סיון, און מכריז געווען אז מען מוז שטיצן די מוסדות וואס נעמען נישט קיין געלט פון די עגל הציוני).

די ארמערי זאל אויף מארסי עיווארד איז גראדע צוטיילט אין האלב, יעדע האלב איז 50,000 סקווער פיס.

מיר זענען אויפגעוואקסן מיט די ריזיגע ארמערי אלץ א חלק פון די מאניפעסטאציע אז די מחנה וואס קלאמערט זיך צו א צדיק איז הולך וגדל עד כי גדל מאוד, אנגעהויבן אין תש"ח מיט צוויי דריי קינדער וואס די ארומיגע האבן געשפעט און געלאכט פון זיי, ביז

**משה אריה שניצלער**

ווען מען איז געשטאנען צענדליגער יאר שפעטער מיט אן ארמיי פון הונדערטער טויזנטער וואס זאגן "מוחל טובות" פאר די מכלומר'שטע רעליגיעזע דערגרייכונגען פון די ממשלת הכופרים.

דער סי. אי. או. פון יו. פי. עס. באנוצט זיך מיט די וויכטיגע זאך וואס הייסט דעלעגעישן, און אזוי אויך אלע פירערס פון בינזעסער, מען קען נישט טון אלעס אליין, זיי האבן אלעס סארט מענעדזשערס און "רידזשענעל" מענעדזשערס און נעשענעל מענעדזשערס וואס טוען אלעס אז די כלליות'דיגע טשעין אוו אפערעישן'ס זאל פארן אומפאראהאנקערט.

מיט'ן כח פון דעלעגעישן מאכט יו. פי. עס. זיכער אז אלע טויזנט מיליאן פיסיגע ווערהאוזעס פירן זיך ווי עס ברויך צו זיין.

די אידייע פון דעלעגעישן גייט בענעזאם מיט די וויכטיגע זאך וואס א ביזנעס דארף וויסן, און מען קען עס אויך גוט נוצן אין א קהילה. מען נוצט יעדן אינדיווידיעל פאר די זאך וואס ער קען ברענגען די מאקסימום רעזולטאטן.

מען נוצט נישט אין יו.פי.עס פאר א דאבל טרעילער דרייווער איינער וואס קען אנפירן א מיליאן פיסיגן ווערהאוז.

און מען נוצט נישט צו פירן א ווערהאוז איינער וואס טויג ענדערש צו א טרעילער ווי צו א ווערהאוז פירערשאפט פאזיציע.

און מען נוצט נישט פאר א דאבל טרעילער איינער וואס קען פירן א טריפל טרעילער.

און, יא, לאך נישט, ס'איז דא טריפל טרעילערס.

דו ביסט טאקע א אלצווייסער, אבער די איין זאך האסטו נישט געוויסט, אז ס'שמייסן "טריפל טרעילערס" אויף די הייוועיס.

מען דארף לייגן א מענטש אויף וואס ער איז גוט.

יעדער מענטש איז גוט פאר עפעס.

די אידייע פון דעלעגעישן באדייט אז מען קען בויען א הערליכע קהילה לשם ולתפארת אז יעדער וועט ברענגען צום טיש די כוחות און נאטורן וואס דער אייבערשטער האט אים באשאנקען.

אנשטאט צו מאכן אז דער קלארינעטיסט זאל שרייבן ארטיקלען אין בלעטל און דער שרייבער זאל בלאזן דעם קלארינעט, ענדערש זאל דער קלארינעטיסט קלארינעטיזירן, און דער שרייבער זאל פאנטאזירן, און דער באנקיר זאל פינאנצירן און דער ליידיגגייער פאדקעסטיסט זאל ווייטער ליידיגגיין און א גאנצן טאג שפאצירן.

לעווערעדזש איז טייטש צולייגן כח דורך א קונצליכער מיטל.

ווען דער פלאמבער דארף עפענען א פייפ וואס איז שוין לאנג פארדזשאוועט און לאזט זיך נישט עפענען, דארף ער ברענגען א צוואנגל וואס איז אביסעלע לענגער ווי די פריערדיגע, דאס וועט אים העלפן אויפדרייען די פאר'עקשן'טע פייפ.

אויב דאס העלפט נאך אלץ נישט, וועט ער מוזן ברענגען א צוואנגל וואס איז נאך און נאך לענגער.

ווען די הענטל פון די צוואנגל איז לענגער באקומט דער פלאמבער נייע כוחות.

למשל, אויב די הענטל פון די צוואנגל איז בלויז צוויי דריי אינטשעס, וועט עס בכלל נישט ארבעטן אויף די טייט'ע פייפ, אויב ס'איז א זעקס זיבן אינטשעס, וועט עס שוין בעסער ארבעטן, אויב ס'איז צוועלף פופצן אינטשעס גייט עס געשמירט ווי פוטער ברויט.

ווי טייט'ער די פייפ, אלץ א לענגערע הענטל וועט דער צוואנגל מוזן האבן צו קענען מאכן דעם עקשנות'דיגן פייפ פאר א פאלגזאם אינגל.

מען קען עס אויך גוט פארשטיין ביים עפענען די NUTS ביים טוישן די רעדל פון א קאר, ווי טייט'ער די NUT איז, אלץ א לענגערע הענטל מוז די WRENCH האבן.

לעווערעדזש קומט פון די ווארט ליווער (LEVER) ליווער איז טייטש א הענטל, למשל, טאקע די הענטל פון די צוואנגל פון וואס מיר רעדן דא.

איי וועט איר פרעגן א קושיא, עס קומט דאך אויס לויט די חכמי הטבע (רודאלף קלאזיוס און אנדערע) אז דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די טבע אז ענערגיע ווערט נישט געבוירן און ענערגיע ווערט נישט "אויס", ענערגיע קען בלויז ווערן ארומגעטוישט פון איין פארעם צו א צווייטן פארעם, נו, ווי קען זיין אז דער פלאמבער געווינט דא נייע כוחות?

די תירוץ איז פשוט, לאמיר קוקן ביים עפענען די NUT פון די רעדל, א יוקאן דינאלי באנוצט זיך מיט א

רעדל וואס איז צוואנציג אינטשעס.

דאס מיינט צוואנציג איטשעס דיאמעטער.

דאס קומט אויס זעכציג אינטשעס סירקאמפערענס.

אויב דער רענטש איז צען אינטשעס לאנג, פון אינמיטן די רעדל ביז די עק רעדל, איז, אויב ווילסטו דער NUT זאל זיך דרייען א גאנצע הקפה (360 דעגריס) און דו ווילסט דעריבער דרייען דיין רענטש א גאנצע הקפה, וועט אויסקומען אז די דרויסנדיגע עק פון די רענטש האט געמאכט א נסיעה פון זעכציג אינטשעס.

אויב, אבער דיין רענטש איז צוואנציג אינטשעס לאנג, און די ווילסט מאכן מיט די NUT די זעלבע "איין גאנצע הקפה" (360 דעגריס) האט די דרויסנדיגער עק פון דיין רענטש געמאכט א נסיעה פון 120 אינטשעס.

במילא קומט אויס אז פאר יעדע אינטש פון די 120 אינטשעס האסטו געוניצט האלב כח ווי פריער ווען די דרויסנדיגע עק פון די רענטש איז געפארן זעכציג אינטשעס.

ווייל ביי ביידע האסטו געטון די זעלבע מאס ארבעט פון עפענען די זעלבע NUT. דאס מאכט אז די זעלבע מאס ארבעט זאל ווערן געניצט אויף טאפלט אינטשעס נסיעה, במילא מאכט דאס אז דו נוצט האלב כח ביי יעדן אינטש. במילא ווי מער אינטשעס די עק פון די רענטש וועט פארן ווערסטו נוצן ווייניגער כח פער אינטש נסיעה. במילא האט מען נישט באשאפן נייע כח, נאר געניצט די כח אויף א מער צושפרייטעדיגן אופן.

עס איז דא נאך א גוטע משל אויף דעם.

איינער וויל לייגן א סקיט ציגל פון די ערד אויף א טראק, עס איז דאך בוודאי נישט מעגליך. ער האט נישט יעצט קיין פארק-ליפט (היי-לאו).

אבער עס איז יא מעגליך. אז ער לייגט אויפ'ן טראק יעדן ציגל עקסטער.

(מען רעדט יעצט פון א משל פאר סייענטיסטן, מען רעדט נישט אז א קאנטראקטאר זאל זיך באנוצן מיט דעם אופן......)

מיט'ן נעמען יעדן ציגל עקסטער האט ער "צוברעקלט" זיין ענערגיע אויף קלענערע חלקים כדי צו קענען עס גריגער מאניפולירן.

עס איז דא נאך א וויכטיגע משל אויף דעם, איינער האט א פאס געזעלין פון הונדערט גאלאן, ער וויל דאס זען ארויף אויף א טראק, ער האט נישט יעצט קיין פארק-ליפט (היי-לאו), וואס טוט מען?

ער ברענגט א אייזערנע שיפע רעמפ (RAMP) און קיילערט ארויף דעם פאס.

נו, וואס איז מיט די אלטע קושיא? ווי אזוי איז יעצט דא באשאפן געווארן נייע ענערגיע?

די תירוץ איז פשוט, אנשטאט אויפהייבן דעם פאס צוואנציג אינטשעס פון די ערד ביז צום טראק, ראל'ט ער עס פאר הונדערט אינטשעס, נאכאמאל די זעלבע הסבר, ער צוברעקלט זיינע כוחות אויף קליינע שטיקלעך, ער ארבעט מער מינוטן און דעקט א גרעסערע צאל אינטשעס, מיט באנוצן ווייניגער כח פער אינטש.

ווען מען רוקט הונדערט גאלאנען אויף צוואנציג אינטשעס ארויף, באנוצט מען מער כח פער אינטש ווי ווען מען רוקט עס די זעלבע צוואנציג אינטשעס מיט באנוצן זיך מיט א רעמפ / גליטשער וואס ציט אויס די נסיעה אויף הונדערט אינטשעס אנשטאט צוואנציג.

דורך די כח פון די רעמפ וואס מיר רופן "לעווערעדזש", נוצט ער א פיפטל כח פער אינטש, ווייל דער רעמפ איז הונדערט אינטשעס, און די טראק איז העכער פון די ערד מיט צוואנציג אינטשעס.

אויב ער וואלט גענוצט א צוויי הונדערט אינטשיגן רעמפ, וואלט ער גענוצט א צענטל כח פער אינטש.

די ברסלב'ע חברה האבן אפגעמאכט אז מען וועט נוצן אלע כוחות אין די וועלט אז יעדער זאל וויסן אז דער באשעפער איז דא און די קענסט רעדן צו אים אנשטאט רעדן צום פיר הונדערט דאלער א שטונדע עצה-געבער / לץ / בלוט-זויגער / שלום בית צוברעכער.

די ברסלב'ע חברה וועלן נוצן די כח פון דעלעגעישן צו מודיע זיין פאר יעדן מענטש אין די וועלט אז מיט דיינע ליפן קענסטו לעווערעדזשן צו באקומען אלעס אין די וועלט. אז מען רעדט צום באשעפער האט מען כח און א שיעור צו יעדן מצב אין לעבן. רעדן צום באשעפער ברענגט נייע ענערגיע.

# שול זיץ

מיר ווילן מעלדן פאר די חשובע מתפללי
הבית המדרש איבער די דאטום צו באצאלן
די זיץ אין שול איז

## ראש חודש סיון

**דארף די זיץ זיין באצאלט 75%**

## ראש חודש אב

**דארף עס זיין באצאלט 100%**

**נאך דעם דאטום קען די זיץ ווערן פארדינגען פאר אנדערע**

פאר אייער פולע חשבון פון די זיצן, פארבונדט אייך מיט מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו אדער מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

הגבאים



בס"ד

# שול זיץ

**מיר ווילן מעלדן פאר די חשובע מתפללי הבית המדרש, אז די וואס זענען אויסגעצאלט זייער זיץ אינעם נייעם שול, וועלן אויך באקומען א זיץ אינעם ערשטן בית המדרש, כדי דאס צו קענען ניצן ווען מען דאווענט דארט שבתים און ימים טובים.**

פאר אייער פולע חשבון פון די זיצן, פארבונדט אייך מיטן גבאי מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו, אדער מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

181 Huschke Rd. — Hurleyville, NY 12747

בית המדרש
היכל הקודש
קרית ברסלב

181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747

בית המדרש לתורה ולתפילה

היכל התורה

אוצר הספרים

מקוה

כולל להוראה

# ד' בית התבשיל טיילט

גאר
ביליגע
קיך כלים



גרויסארטיגע
פסח
חלוקה



הילף
איך
גראסערי



העלפט אנשי שלומינו אריינברענגן דעם יו"ט
מיט הרחבת הדעת, רופט אייך אן ווארעם!

# קמחא דפסחא

צענדליגע משפחות אנשי שלומינו זענען
אנגעוואנדן אויף אייער הילף דעם יו"ט. רופט
אייך ווארעם און העלפט אריינברענגן דעם יו"ט
ביי אנשי שלומינו מי הרחבת הדעת!

## ג׳ אייר



יארצייט
סעודה
מיט דער
ראש ישיבה
שליט"א

**ווער ס'געבט בעין יפה**

# נישט דא קיין שום חידושים

פסח תשפ"ו

**פונקט ווי יעדעס יאר**

## כאפט א זכות:

| | | | |
|---|---|---|---|
| זכות העלפער $500 | זכות תומך $1,000 | זכות שיינע איד $1,800 | זכות נגיד $3,600 |

**רופט דעם גבאי מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו 917.589.3382**

*sruliHeskel



# חלק ב' ששה מי ידע

## זעקס יאר פון קאראנע ווירוס

פארגאנגענע וואך האבן מיר גערעדט גאר א געשמאקע שמועס מיט מו"ה לייב ראטה הי"ו וואס האט פארציילט פון די קאראנע צייטן, וויאזוי עס איז אדורך יענע טעג אין ישיבה, אזוי אויך די באהאלטענע חתונות יענע צייט און אזוי ווייטער. ווי שוין דערמאלט פארציילט איז פון נאך פורים די גאסן געווען טויט; מענטשן האבן געציטערט ארויסצושטעקן די נאז, שולן און מוסדות זענען געווען פארשפארט, געשעפטן זענען געווען פארמאכט, און דער פחד און שרעק איז געווען עד אין לשער.

אין איין ווינקעלע אין וויליאמסבורג, אויף 27 סקילמאן, איז אלעס אן ווי געהעריג. דער ראש ישיבה האט נישט געלאזט דעם עולם ווערן נאכגעשלעפט נאך די פאניק און פחד, ער האט געהאלטן אין איין חזר'ן אז אלעס איז דער אייבערשטער און ס'איז נישטא פון וואס מורא צו האבן.

יענע זומער זענען די קעמפס געווען סטאנציאנירט אין שטעטל. במשך דעם זומער האט מען געטראכט אלע סארט פלענער וויאזוי מען גייט קענען אנקומען צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, קיינער טאר נישט פעלן." פארשטייט זיך אז דאס איז אלעס געווען באגלייט מיט אסאך תפילות אז מען זאל קענען פארן.

ישראל דוד העסקעל

# וואס קענסטו אונז פארציילן איבער יענע צייטן וואס מען האט זיך געגרייט צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה?

געווען איז עס אינמיטן זומער ווען עס איז געקומען א מעלדונג פון די אוקראינישע שטאטראט אז ביז א וואך ווערט די גרעניץ פארשפארט צוליב די קאראנע וואס גייט ארום איבעראל! די נייעס האט געטראפן אנשי שלומינו ווי א דינער אינמיטן העלן טאג. וואס וועט דא זיין? באלד דארף מען שוין פארן צום רבי'ן און דא ווערט די גרעניץ פארשפארט, וואס טוט מען דא?

יענעם טאג געדענק איך האט מען נישט געקענט טרעפן דעם ראש ישיבה; מענטשן האבן זיך ארומגעדרייט פארלוירן און מען האט נישט געוויסט וואס צו טון. עס זענען געווען עטליכע פון אנשי שלומינו וואס האבן נישט געוואלט איינשטעלן, און אזוי ווי די נייעס איבערן פארשפארן דעם גרעניץ איז אנגעקומען, האבן זיי זיך געפאקט די פעק און געפארן קודם זיין ביים רבי'ן - וואס זיכער איז זיכער.




צווישן אנשי שלומינו וואס זענען דעמאלט געפארן געדענק איך איז געווען דער גרויסער מפיץ מו"ה נתן יאקאבאוויטש הי"ו אינאיינעם מיט זיין זון מו"ה שלום יוסף הי"ו, מו"ה ישראל יעקב ווייס הי"ו, און מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו, וועלכער איז דאן געווען אין זיין שנה ראשונה און איז געפארן אינאיינעם מיט זיין ווייב.

שפעטער נאכמיטאג איז דער ראש ישיבה ארויסגעקומען און געזאגט אז דער רבי האט נישט געהייסן וואוינען אין אומאן; דער רבי האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, און אויב מען וועט נישט קענען פארן, וועט מען נישט פארן - מען דארף נישט פארן א חודש פריער. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער איז ברור אז אזוי וואלט מוהרא"ש זי"ע אויך געטון.

די קומענדיגע פאר וואכן האבן אנשי שלומינו כסדר מתפלל געווען און געהאפט צום אייבערשטן, אז מען זאל זוכה זיין אנצוקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה.

די פחד איז געווען גרויס; סיי די שרעק פון די קאראנע ווירוס, און סיי די זארג פון די מענטשן וואס האבן מורא געהאט וואס עס וועט זיין מיט ראש השנה.

יענע יאר איז ראש השנה אויסגעפאלן שבת און זונטאג, און אונזער חבר מו"ה אלי קנאלל הי"ו האט פרובירט מיט אלע מעגליכקייטן צו מסדר זיין א טשארטער פליגער וואס זאל קענען טראגן דעם עולם קיין אומאן.

יענע תקופה פלעגט דער ראש ישיבה מאכן "ראָבּאָ-קאָלס" (Robocalls); דער ראש ישיבה פלעגט ארויסרופן און יעדער פלעגט באקומען דעם טעלעפאן רוף. ער פלעגט לאזן הערן ווי ער לייגט די קינדער שלאפן, ווי אויך פלעגט דער ראש ישיבה מחזק זיין אנשי שלומינו, און אין די תקופה פאר ראש השנה זענען געווען די אפדעיטס איבער די נסיעה קיין אומאן.

דער ראש ישיבה פלעגט דאן זאגן: "זארגט נישט, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר קענען פארן און אנקומען צום רבי'ן."

# ווי מיר געדענקן האט זיך דער ראש ישיבה מיט נאך אפאר אנשי שלומינו ארויסגעלאזט קיין אומאן דורך עפעס א וועג. וואס קענסטו אונז פארציילן איבערדעם?

יענע תקופה האט שוין מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו געוואוינט אין שטעטל, און ער פלעגט אלץ וועלן מיטהאלטן וואס ס'טוט זיך אין ישיבה און וואס דער ראש ישיבה שמועסט; פלעגט ער מיר אלץ רופן און איך האב אים איבערגעגעבן נייעס פון ישיבה.

איין טאג, אין די נאענטע טעג פאר ראש השנה, האט מען אנגעהויבן רעדן שוין מער ערנסט וויאזוי מען גייט קענען פארן

צום רבי'ן, דער ראש ישיבה האט דעמאלט געזאגט אז עס זענען דא שמוגלערס וואס זיי האבן א וועג אריין, און אפשר קען מען טרעפן א וועג אז זיי זאלן אונז אריינשמוגלען קיין אוקראינע.

איך האב דאן געפרעגט דעם ראש ישיבה: "וואו קומט מען אן צו די שמוגלערס? אינעם טעלעפאן בוך טרעפט מען נישט א שמוגלער אפטיילונג...." זאגט מיר דער ראש ישיבה אז מו"ה אלי קנאלל הי"ו און מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו ווייסן מער דערפון. דער ראש ישיבה האט ביי יענעם שמועס געזאגט אז אויב ביז זונטאג צווי אזייגער נאכמיטאג – א וואך פאר ראש השנה – וועט די טשארטער נאך נישט האבן קיין רשות צו לאנדן, דאן גייט ער פארן מיט סיי וועלכן וועג און נישט ווארטן מער.

למעשה איז געווארן זונטאג צווי אזייגער און פונעם טשארטער איז נאך קיין נייעס נישט געווען. איך קלינג אן אונזער חבר מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו און איך זאג אים: "מיין טייערער חבר, אלעמאל ווען דו ווילסט וויסן וואס טוט זיך אין ישיבה בין איך דא פאר דיר, יעצט באצאל מיר צוריק; איך האב געהערט דו האסט א וועג, נעם מיך מיט!"

איך געדענקט ווי מנחם פרעגט מיך אזוי קורץ און שארף: "דו האסט דריי און א האלב טויזנט דאלאר?" זאג איך אים גלייך: "יא!" זאגט ער מיר: "שיק מיר שנעל א בילד פון דיין פאספארט און פרעג נישט קיין קשיות!"

איך בין דאן געווען אין ישיבה; איך לויף ארויף די שטיגן מיט איין אטעם אהיימצוגיין נעמען מיין פאספארט, און איך הער ווי איינער רופט מיין נאמען: "לייבי! לייבי!" איך האב נישט קיין צייט און איך דריי זיך נישט אויס, אבער אינמיטן כאפ איך אז דאס איז די קול פונעם ראש ישיבה!

איך לויף שנעל ארויף צום ראש ישיבה. דער ראש ישיבה פרעגט מיך: "וואס איז די מעשה? וויאזוי פארסטו?" ענטפער איך אים אז מנחם האט א וועג מיט א שמוגלער.

זאגט מיר דער ראש ישיבה: "פרעג מנחם פארוואס ער נעמט מיך נישט מיט..." האב איך געזאגט פארן ראש ישיבה אז איך גיי דאך נאר דורך דעם וועג ווייל איך האב געמיינט אז דער ראש ישיבה קומט אויך דורך דעם וועג. זאגט מיר דער ראש ישיבה: "איך האב א וועג, אבער אויב מנחם האט א בעסערע, זאג אים אז איך וויל גיין מיט אים."

איך בין אהיימגעלאפן און געכאפט מיין פאספארט. עס איז שוין געווען נאך צווי אזייגער, און פינף-דרייסיג איז שוין געווען די פלייט.

איך האב געקלונגען מנחם אים איבערצוגעבן וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט, און איך בין געלאפן שנעל בארגן און צוזאמענשטעלן דאס געלט.

איינע פון די זאכן וואס מנחם האט מיר געזאגט איז, אז מען גייט נישט טארן זען אז מיר זענען אידן; מען וועט זיך דארפן פארשטעלן ווי נישט אידן, און איך זאל מיטברענגען פארשטעלאכטס.

# פורים פארשטעלאכטס

מיט מיין לעצטן אטעם בין איך דורכגעגאנגען די פורים באקס און געזוכט מיט וואס איך קען זיך פארשטעלן...

אזוי מיט אלעם גרייט בין איך ארויסגעפלויגן צום עירפארט. דער ראש ישיבה האט געלאזט ראבא-קאלס אז איך פאר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, און יעדער זאל זוכן וועגן וויאזוי אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

ווען איך בין אנגעקומען אין עירפארט, האב איך געטראפן מו"ה יואל לעווי הי"ו מיט זיין ברודער מו"ה אשר הי"ו, אינאיינעם מיט מו"ה ישראל מנחם ראזענבערג הי"ו. זיי זענען געפארן מיט א צווייטן וועג, און דארט זאגט מיר מו"ה יואל לעווי הי"ו: "דו פארסט מיט'ן 5:30 פליגער קיין וויען?" האב איך געענטפערט יא. זאגט ער מיר: "דער ראש ישיבה פארט מיט ענקער וועג."

מו"ה אליעזר שמן הי"ו האט געברענגט דעם ראש ישיבה; פון שטעטל זענען געקומען מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, און מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו.

מיר שטייען דארט אין עירפארט און מיר זעען אז ס'איז צרות, מיר זענען שוין צו שפעט און ס'איז שוין נישט מעגליך צו





כאפן דעם פליגער. מיר האבן דאן מחליט געווען צו אפגרעידן צו ביזנעס קלאס, און אזוי האט דער פליגער געווארט אויף אונז. ב"ה עס האט טאקע געארבעט, און נאך אסאך תפילות האבן מיר זיך געפונען זיצן אויפ'ן פליגער.

אלע האבן טאקע מיטגעברענגט פארשטעלעכץ; איך האב נאך אנגעהאט מיינע גרויסע בוטס פון בויען דעם עירוב, מיט א ברוינע הויזן, א קאלירט העמד, און א מין ווינטער קוטשמע-היטל, און שוין.

## אויפן פליגער

די ערשטע פיר-פינף שעה אויפ'ן פליגער האט דער ראש ישיבה פארברענגט אין א שמועס מיט אונז. פונקט דעמאלט איז אריינגעקומען די נייעס אז מ'האט אפגעקויפט די אכט שטחים אויף טווין ברידזש אין שטעטל, וואו מ'וועט קענען בויען אכט צוויי פעמעלי הייזער; דאס איז דעמאלט געווען די גרויסע נייעס!

נאך עטליכע שעה שמועסן האט זיך דער ראש ישיבה געלייגט אביסל שלאפן. דער פליגער איז געווען האלב ליידיג, אזוי ווי כמעט אלע פלייטס אין יענע קאראנע תקופה; עס זענען געווען אפשר אכציג מענטשן אויפ'ן גאנצן פליגער.

ביים ארויספארן פון ניו יארק זענען מיר נאך אלע געווען נארמאל געקליידט מיט אונזערע חסידישע אידישע קליידער, אבער ביים אנקומען קיין ווין האבן מיר זיך אלע איבערגעטון און זיך פארשטעלט ווי גוים. דער ראש ישיבה איז געגאנגען פשוט מיט א שווארצן סוועטער, אבער מיר אלע האבן זיך גוט פארשטעלט; איך געדענק מנחם איז געווען פארשטעלט ווי א 'טעקסעס קאוי בוי' אזוי איז יעדער געווען גוט פארשטעלט.

## אנגעצויגענע מצבים

יעצט איז געקומען די צייט צו כאפן דעם קליינעם פלייט פון ווין קיין אדעסא, און דא האט זיך שוין אנגעהויבן אביסל אן אנגעצויגענע מצב. סיי מיר האבן מורא געהאט אז מען וועט אונז בכלל נישט ארויפלאזן אויפן פליגער ווייל אוקראינע איז דאך פארמאכט, און סיי בכלל צי דער וועג וועט זיך אויסארבעטן און מען וועט אונז נישט כאפן. מיר האבן אלע שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל דורכגיין בשלום אן קיין שטרויכלינגען.

שכח אייבערשטער אז מיר זענען ארויף אויפן פליגער! דער פליגער איז געווען פול מיט "גויים" וואס זענען אלע געגאנגען מיט חסידישע שיך...

אין א מזל'דיגע שעה האבן מיר געלאנדעט אין אדעסא עירפארט. מ'האט געקענט טאפן די שטילקייט, קיינער האט נישט ארויסגערעדט קיין איבריג ווארט.

אנקומענדיג האט מען אפגעווארט די אלע חבורות פון "גויים" און עקסטער יעדע גרופע באזונדער צום VIP טערמינאל.

דארט האט מען צוזאמענגענומען יעדנ'ס פאספארט. דער VIP טערמינאל איז געווען אונטערגעקויפט דורך די שמוגלער, ווייל אויפן פאספארט זעט מען דאך קלאר אז מיר זענען היימישע חסידישע אידן.

זיי האבן גערופן איין גרופע אויף אמאל, אונזער גרופע איז געווען די לעצטע. מיר האבן דארט געווארט בערך א גוטע שעה, עס איז געווען זייער אנגעצויגן.

ביז ענדליך האט מען אונז גערופן, מ'האט אונז צוריקגעגעבן די פאספארטס און אונז צוגעפירט צום ווען וואס וועט אונז טראגן קיין אומאן.

פארן ארויספארן זענען ארויפגעקומען צוויי אוקראינישע שקצים - מיר זענען געווען זעקס חברה - און זיי האבן פארלאנגט איין און צוואנציג טויזנט דאלער! ב"ה מיר האבן אלע מיטגעברענגט דאס נויטיגע געלט און באצאלט, און זיי האבן אונז געלאזט גיין.

## א קאמענד סענטער

גלייך נאכדעם אויפן וועג איז די ווען געווארן א "קאמענד סענטער"; דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן פאראבעטן: וויאזוי ברענגט מען אריין דעם עולם?

אויפן וועג ביי א געז סטעישאן האט מען זיך געטראפן מיט א

באקאנטער עסקן אין אומאן. ער האט געוויזן פארן ראש ישיבה אז אביסל ווייטער,ביים גרעניץ פון מולדובה מיט אוקראינע, גייען דורך טעגליך הונדערטער מענטשן אומגעשטערט, און דאס וועט זיין די בעסטע וועג אריינצוקומען. דאן האט דער ראש ישיבה טאקע געשריבן פארן עולם אז מען זאל פארן דורך מולדובה.

אנקומענדיג קיין אומאן האט אונז אפגעווארט מו"ה ישראל פוקס הי"ו וואס האט נאך דאן געוואוינט אין אומאן, און אונז צוגעשטעלט א נאָרהאפטיגע היימישע מאלצייט. שפעטער זענען מיר אנגעקומען אינעם בנין; מיר זענען געווען אינגאנצן אויסגעמאטערט, אבער גלייך בין איך, צוזאמען מיט אליעזר שמן און אייזיק ראטה - אריין אין קאך און אנגעהויבן קאכן, ווייל ס'האט געהייסן אז ביז אפאר שעה קומט שוין אן דער גאנצער עולם! ברוך השם מען האט זיך געקענט אריבערכאפן







צום ציון און זאגן תיקון הכללי, זיך אויסבעטן אביסל וויפיל עס איז געווען מעגליך. די ציון איז געווען היפש ליידיג.

דעם נעקסטן טאג, דינסטאג, זענען מיר ווייטער געווען אין קאך און אנגעגרייט פארן עולם וואס קומט אט אט אן.

די נעקסטע חבורה פון אנשי שלומינו איז געווען די אריגינעלע גרופע מיט וועמען דער ראש ישיבה האט געפלאנט צו פארן. דארט זענען געווען די קינדער פונעם ראש ישיבה, אינאיינעם מיט'ן מנהל רבי מרדכי אינדיג שליט"א און נאך פילע אנ"ש, וועלכע האבן זיך דאן געפונען אין טערקיי. דער פלאן איז געווען צו פארן פון דארט קיין קיעוו דורך שמוגלערס, אבער ביז מ'האט זיך אומגעקוקט האבן די אוקראינער שוין אנטדעקט די שמוגלערס, און מ'האט מער נישט געקענט פארן דורך יענעם וועג. דעריבער האבן זיי זיך אומגעקערט און געפארן קיין מולדובה, מיט די האפענונג אז דורך דעם וועג וועט מען נאך יא קענען אנקומען.

עס האט געהייסן אז דינסטאג נאכט וועט דער עולם שוין זיין אינעם בנין. מיר זענען געווען א גאנצן טאג אין קאך און געקאכט ריזיגע קוואנטומען עסן, כדי ווען דער הונגעריגער עולם וועט אנקומען פון דעם שווערן וועג, זאל זיין צו עסן בשפע רב.

דערווייל איז דער ראש ישיבה געזעסן אין מיטינגס מיט שבתי און מנחם צו זען וויאזוי מ'קען אויסארבעטן אז אנשי שלומינו זאלן קענען אנקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

למעשה איז דינסטאג נאכט קיינער נישט אנגעקומען, אבער מיטוואך האט מען ווייטער געהאפט אז יעדע מינוט וועלן שוין אנשי שלומינו אנהייבן קומען אין די מאסן, און מיר האבן ווייטער אנגעגרייט עסן.

## פאליציי אין די גאסן פון אומאן

די גאסן אין אומאן זענען דאן געווען זייער שרעקעדיג; סאלדאטן האבן זיך געדרייט אויף די גאסן און אפגעשטעלט מענטשן צו בעטן פאספארטן. אויב דיין פאספארט האט געהאט א זיגל וואס האט געוויזן אז דו ביסט אריינגעקומען נאכדעם וואס זיי האבן שוין פארשפארט די גרעניצן, האט מען דיך געקענט גראד ארעסטירן און ארויסשיקן פונעם לאנד.

איך בין דאן טאקע נישט ארויס פונעם בנין; איך האב דארט געדאווענט, געגעסן און געשלאפן.

די גאנצע צייט האט געהייסן אז אט אט קומט שוין דער עולם. איך קען נישט געדענקען וויפיל מאל איך האב דעמאלט אנגעווארעמט דעם ריזיגן טאפ זופ און עס דערנאך

צוריקגעלייגט אינעם פרידזשידער.

אזוי זענען אריבער די פאר טעג ביז דאנערשטאג פארטאגס, און דערווייל איז נאך קיינער נישט אנגעקומען אינעם בנין.

שבתי וועקט מיך אויף דאנערשטאג פארטאגס: "זיי גרייט, עס קען זיין אז מ'פארט צוריק!" און ער איז געגאנגען זיך לייגן שלאפן.

אכט אזייגער איז דער ראש ישיבה אויפגעשטאנען. איך בין דאן געווען פארנומען מסדר צו זיין די פרישע שיפמענט פון די נייע מחזורים "עת רצון", וואס מ'האט באשטעלט פאר יענע יאר.

דער ראש ישיבה איז געגאנגען אין מקוה, און ווען ער איז ארויפגעקומען, בין איך געגאנגען פרעגן צי ער פארט צוריק. האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "איך מיין אזוי."

## די החלטה אהיימצופארן

שפעטער האט דער ראש ישיבה דערציילט, אז אין יענע צייט ווען ער האט געדארפט מאכן די החלטה וואס צו טון, האט ער אסאך זיך מתבודד געווען וואס ער זאל טון, צום סוף האט ער געעפנט א ברסלב'ער מחזור און דארט איז געשטאנען די שיחה וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן: "אויב דו ביסט דא, פארוואס איז יעדער נישט דא? און אויב קיינער איז נישט דא, פארוואס ביסטו דא?" דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די שיחה האט אים געהאלפן מאכן די החלטה צוריקצופארן.

דאן האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט: "וואס גייסטו טון?" האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה: "וואס זאל איך טון?" דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט נישט געענטפערט, און עס האט אויסגעזען אז איך גיי אויך אהיימפארן, וויבאלד די גאנצע חבורה איז אהיימגעפארן אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה און מ'האט שוין אויך באשטעלט טיקעטס פאר מיר.




אנשי שלומינו אין מאלדאווע עירפארט

למעשה האט מען דעמאלט געדארפט שנעל צוזאמענפאקן די גאנצע קאך. מען האט דאן געלייגט אלע טייערע כלים אין די סטארידזש העכער דעם ראש ישיבה'ס צימער, וויבאלד די קאך האט נאך דעמאלט נישט געהאט קיין טירן מיט שלעסער.

איך מיט אליעזר שמן האבן דאן אינאיינעם איינגעפאקט די קאך. אזוי שלעפנדיג די כלים נעבן דעם ראש ישיבה'ס צימער, איז דער ראש ישיבה ארויסגעקומען און מיר געפרעגט: "וואס טוסטו למעשה?" האב איך געענטפערט אז איך ווייס נישט, און וואס אימער דער ראש ישיבה וועט מיר הייסן טון, דאס וועל איך טון.

## בלייב אין אומאן

האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "איך מיין אז דו זאלסט דא בלייבן." אזוי האב איך טאקע געטון; די חבורה האט זיך ארויסגעלאזט צוריק קיין אמעריקע, און איך בין דארט געבליבן מיט די גוים אלעס צוריק צוזאמענצופאקן.

דער ראש ישיבה האט מיר געהייסן נעמען פדיון נפש ערב ראש השנה, און עס צוריקברענגען צום ראש ישיבה נאך ראש השנה.

אזוי האב איך געטון; ערב ראש השנה האב איך געקלונגען צום ראש ישיבה איבערצוגעבן אלע נעמען, און נאך ראש השנה האב איך געברענגט די ענוועלאופס.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די פאר אנשי שלומינו וואס זענען געווען אין אומאן, אז מיר זאלן גיין דאווענען די תפילות ביי הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א.

מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו האט מיר דאן געבעטן צי ער קען קומען נעמען עסן פאר רבי יצחק שליט"א. האב איך אים געזאגט אז איך וויל דערפאר האבן א בעט ביי אים אין האטעל, וואס איז יענע יאר געווען צוגעשפארט נאכדעם וואס זיין משפחה איז דארט געשלאפן. ער האט מיר טאקע געגעבן א בעט און איך האב אים געגעבן דאס עסן.

איך האב פארשפארט דעם בנין און מיט ציטערדיגע טריט זיך געלאזט אין וועג אריין צום מרכז נעבן דעם ציון, בעטנדיג דעם אייבערשטן אז די סאלדאטן זאלן מיר נישט אפשטעלן.

שכח אייבערשטער אז איך בין אנגעקומען בשלום. פון דאן אן האב איך טאקע איבערגעלאזט מיין פאספארט אין האטעל, אז אויב זיי שטעלן מיר אפ, וועל איך זיי זאגן אז איך האב נישט מיין פאספארט מיט מיר, און האפנטליך וועלן זיי מיר לאזן גיין.

דאנערשטאג און פרייטאג איז טאקע געווען זייער שרעקעדיג; איך האב זיך וואס ווייניגער געדרייט אויף די גאס. די שרעקעדיגסטע איבערלעבעניש פאר מיר איז געווען ערב ראש השנה ביי 'תיקון

הכללי עולמי'. אין א געוועגליכע יאר קען מען זיך דעמאלטס נישט רירן שוין עטליכע גאסן פונעם ציון, און דא קום איך אריין צום ציון און איך קען צוגיין גראד צום שטיין – אזוי ליידיג איז עס דאן געווען!

עס איז געשאצט אז יענע יאר זענען אלעס אינאיינעם געווען אין אומאן ארום צוויי טויזנט מענטשן.

יענע יאר האט פעדער באנייט זיין נייעם גרויסן בנין. איך בין געגאנגען דארט עסן די סעודות; ס'איז געווען אנגעגרייט פאר צענדליגער טויזנטער מענטשן, אבער למעשה זענען דארט נאר געווען בערך אכציג מענטשן.

די גאסן זענען געווען טויט שטיל, ס'איז געווען זייער שרעקעדיג צו גיין אין גאס. די תפילות האבן מיר טאקע געדאוונט ביי רבי יצחק שליט"א, און איינמאל ראש השנה איז אנגעקומען, זענען די פאליציי און סאלדאטן אוועק פון דארט; דעמאלט איז געווארן אביסל רואיגער צו גיין אין גאס.

דער ראש ישיבה איז למעשה יענע יאר געווען מיט אנשי שלומינו אין קרית ברסלב ווי שוין באריכטעט אין א לענגערע שמועס אינעם בלעטל אפאר יאר צוריק פון די וואס האבן דאס מיטגעהאלטן.

מוצאי ראש השנה האב איך באשטעלט א טיקעט צוזאמען מיט די חבורה פון מו"ה יואל לעווי הי"ו. ווען איך בין אנגעקומען אין עירפארט האט מיר דער ראש ישיבה געקלונגען – ס'איז דעמאלט געווארן מוצאי שבת אין אמעריקע. איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס איך זאל זאגן ביים ארויסגיין, וואו איך בין געווען? ווייל ס'זענען געווען מענטשן וואס האבן

דער ראש ישיבה קומט אן אין שטעטל ערב ראש השנה



געזאגט אז זיי זענען געווען ביי א דאקטער וכדומה. האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז איך זאל זאגן אז איך בין געווען ביים רבין אין אומאן, און אלעס וועט זיין גוט!

אזוי האבן מיר אלע געזאגט, אז מיר זענען געווען אין אומאן. איי, וויאזוי בין איך אריינגעקומען? איך ווייס נישט, מ'האט מיך פשוט אריינגעלאזט... שכח אייבערשטער אז מיר זענען אריבער בשלום!

שפעטער האבן מיר געהערט אז די אלע וואס האבן געהאט פאלשע דאקטער פאפירן וכדומה, האבן ליידער באקומען א שווארצע זיגל.

## צוריק אהיים געזונטערהייט

שכח אייבערשטער, אין א מזל'דיגע שעה האב איך זיך געפונען צוריק טרעטנדיג אויף די גאסן אין ניו יארק.

למעשה האט מיר די גאנצע שפיל אפגעקאסט אכט טויזנט דאלער אלעס אינאיינעם, און איך האב זיך געטראפן מיט א בארג חובות אויפן קאפ; וואס טוט מען? פון וואו באצאלט מען דאס?

איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען באצאלן. למעשה, אויפן וועג אהיים פונעם עירפארט, זאגט מיר מיין טאטע אז מיין אנעמפלוימענט קארטל איז אנגעקומען. איך האב זיך שוין געהאט מייאש געווען דערפון, ווייל איך האב עפעס נישט ריכטיג אויסגעפילט, אבער למעשה איז עס דא. איך קלינג אריין צו הערן וויפיל געלט עס איז דא דארט, זאגן זיי מיר אז עס ליגט דארט איבער צוועלף טויזנט דאלער! אזוי ארום איז די נסיעה קיין אומאן געווען באצאלט, און נאך געבליבן מיט רעשט.

ווי נאר איך בין אנגעקומען קיין וויליאמסבורג, בין איך גראד ארויף צום ראש ישיבה. דער ראש ישיבה האט מיר אויסגעפרעגט יעדן דעטאל וואס איז פארגעקומען זינט ער איז צוריקגעפארן דעם גאנצן ראש השנה, און איך האב טאקע אלעס איבערגעגעבן. אויך האב איך געברענגט פארן ראש ישיבה די "פדיון נפש" ענוועלאופס, און מיט דעם האט זיך ביי מיר געענדיגט פרשת ראש השנה תשפ"א.

**א גרויסן יישר כח לייבי פארן אוועקגעבן פון דיין טייערע צייט און מיטטיילן מיט אנשי שלומינו די פילע דעטאלן וואס זענען דאן פארגעקומען, און אונז נאכאמאל דערמאנען אז צום רבי'ן קומט מען נישט מיט געלט און מיט א טיקעט, נאר מיט תפילה. שוין פון יעצט דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו קענען זיין ראש השנה תשפ"ז אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן.**




# DRY GOODS

**Hours**
Sun. - Thurs.
10:30-6:00
Fri.
10:30 - חצות

845.747.5552 1619 Rt. 52

pipers | Baby Jay | Pastel basics | King rose | Young berry | Puime | And more.....

Little | Lands kids | Fiddenzze | Filazi | Sereco | Jrp | Valair | Vendero | Candy land | Armando martilo | Armani | Rosette | Key chain | Flourance | Butteflly | Classic

Ilmoi | Van gaurd | Sea board | Casual trend | Orient super | Van dyack | Enod |

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**פרייליכע חתונה פון החתן אברהם יהודה הי"ו בן מו"ה מרדכי לעווינזון הי"ו עב"ג בת מו"ה יוחנן שור הי"ו**




**דער דיין שליט"א אויפן וועג צו ליזענסק**



**מנחה מעריב אין ביהמ"ד ליקוטי מוהר"ן**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, יעקב פיש, נפתלי זאבעל, שמעון פארטוגאל, שמעון פיש, אשר לעמיל זוסמאן





קביעת מזוזה ביי די נייע 'קרעיוו סאווערדאו' געשעפט פון מו"ה פייוויל ראזענוואסער הי"ו אין וויליאמסבורג





בר מצוה פון הבחור חיים מאיר ני"ו בן מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל



ברסלב'ע אינגל ביים גיין הפצה אין די גאסן אין שטעטל



ביים פאררעכטן די פארקינג לאט פון די תלמוד תורה



דער ראש ישיבה שליט"א אין א טאנץ מיט די בחורים וואס האבן מסיים געווען ספר שמות - ה' ויקהל פקודי תשפ"ו





שיעור ליל שישי פרשת ויקהל פקודי אין היכל הקודש בארא פארק



הכנסת ספר תורה אין ביהמ"ד קארלסבורג



שבת התוועדות מיט די בחורים פון ישיבת היכל הקודש וויליאמסבורג און קרית ברסלב


לעצטע געלעגנהייט
לעצטע געלעגנהייט
פרייליכע מעלדונג
מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר אנ"ש אז
מיר גרייטן זיך שוין צו דרוקן ספר עצתו אמונה
חלק י"ב
ספר
עצתו אמונה
אידיש
חלק יב
מהדורת יאקאבאוויטש
זכות בספר $500
צו קויפן א זכות אינעם ספר
ווענדט אייך צו:
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347.578.4449
קרן הדפסה
*sruliHeskel

בס"ד

פרשת ויק"פ
אויסגאבע # 12

# אינדערהיים

זי איז פרייש
**ש. טראכטער**

א בריוו פונעם ראש ישיבה
**ש. ל. פליישמאן**

די לעצטע לעדל
**ג. פעקעטע**

# חמץ אין פסח

מ. פאפענהיים



# אינהאלט




6



8


**בס"ד**
פרשת
ויקרא
תשפ"ו
**נומער 13**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**



ג. פעקעטע

# די לעצטע לעדל

כאטש וואס אסתי איז געווען א שטילע מיידל, איז איר מוח געווען זייער ברייט אנגעפילט. זי האט נישט צופיל גערעדט, איר מויל איז געווען פארשלאסן, אבער אירע אויגן און אויערן זענען שטענדיג געווען אפן. וואו זי האט נאר געקענט, האט זי פרובירט מיטצוהאלטן א שמועס אדער זיך לערנען פון עפעס וואס זי האט געזען.

אזא מוח איז שווער אנצופילן, און אסתי האט פרובירט וואס זי קען נאר צו שטילן איר דארשטיגע מוח. אויב מיט די דארשט וואלט זי ווען פסח'דיג געמאכט איר מאמע'ס הויז, וואלט זיכער נישט געווען קיין ברעקל צום געפינען. יעדע שאפע, ווינקל, און לעדל האט זי דורכגעטון. פארשטייט זיך, זי האט הנאה געהאט צו ליינען, און געליינט אלע ביכער וואס אירע עלטערן האבן איר צוגעשטעלט צום ליינען, אבער ווען יענץ איז אויסגעלאפן, האט זי פרובירט ליינען די בעק פון די סעריעל באקסעס, און ווי נאר עס איז געווען סיי וואס געדרוקט, האט זי אזוי אנגעפילט איר מוח און איר נייגער. זי האט שוין דורכגעטון אפילו די אידישע ספרים אין שטוב... פיל מאל האבן אירע עלטערן איר געדארפט זאגן צו באזייטיגן א ספר אדער בוך פאר די ריכטיגע צייט.

אסתי איז אונטערגעוואקסן, די יארן זענען געלאפן...

זי איז געווען א קלוגע, א וואוילע, ווי אויך גאר נייגעריג. זי האט געוואוסט פונקטליך

וואו די וויכטיגע פאפירן פון איר משפחה ליגן אוועקגעלייגט, וואו די פאספארטס, געבורט סערטיפיקעטס, מעדיקל רעקארדס ליגן, און אזוי ווייטער. אויך האט זי געוואוסט יעדע באקס סטארעדזש וואס ליגט אין דעם אוועקגעלייגט און פאר וועלכע צייט עס איז אנגעגרייט צום ניץ. די אלטע בריוון, וואס זענען געווען שטויביג שוין, פון יארן לאנג זיצן אינעם בוידעם, האט זי שוין אויכעט געהאט דורכגעליינט. זי האט געוואוסט וואו די לעדל באהאלטענע געלט איז, און זי האט דורכגעליינט די יוטיליטי בילס - ארויסגעהאט פונקטליך וויפיל ס'קאסט אן אונס פון עלעקטריק, געז, אדער א גאלאן וואסער. אלעס האבן אירע אויגן אויפגעפיקט.

צומאל, ווען זי פלעגט בעיביסיטן, און זי האט זיך געפינען אליין אין שטוב, האט זי פרובירט ווי מער לעדלעך און שאפעס אנצוטאפן און אויפזוכן צו ס'איז דא נאך עפעס א ברעקעלע חמץ וואס זי האט נאך נישט בודק חמץ געווען. די קרבן מנחה סידור, די בת ישראל ספר, די אידישע קיצור שלחן ערוך, אלעס איז געווען אוועקגעלייגט אין איר מוח. זי האט זיך געוואונדערט אויף היפש אפאר זאכן, אבער טראץ איר גרויס נייגער, פלעגט זי נישט רעדן דערוועגן, נישט מיט חבר'טעס, און אויך נישט מיט אירע עלטערן. זי האט אלעס אוועקגעפיילט אין איר קליינעם מוח, און אנגעגאנגען מיט איר יונגע לעבן.

ווען עפעס האט זיך פארלוירן אינדערהיים, פלעגט מען קענען פרעגן אסתי וואו עס ליגט - זי האט דאך געוואוסט אויסנווייניג יעדע שאפע און לעדל וואס עס אנטהאלט. אבער איין זאך פלעגט איר ממש באדערן: ס'איז געווען איין לעדל, טאקע אין ספרים שטוב, וואס איז געווען פארשלאסן. זיי האבן געהאט דארט א שיינע טיש וואס האט געהאט אין זיך א לעדל מיט א שלאס. ביז יענע לעדל האט זי אלעס שוין אנטדעקט, אבער וויפיל מאל זי האט פרובירט איבער די יארן זיך איינצוברעכן אין יענע לעדל, האט איר נאך אלץ נישט געלונגען.

איר נייגער איז געווען זייער גרויס,

אבער זי האט נישט געהאט קיין שום וועג צו שלעפן יענע לעדל ארויס.

ווען זי האט זיך אביסל געעלטערט, איז איר אונטערגעקומען איין יאר ערב פסח א מורא'דיגע אינטערעסאנטע מעשה. ס'איז געווען נאנט צו יום טוב, און מען האט געהאלטן ביים פסח'דיג מאכן די ספרים שטוב. איר טאטע, א גרויסער תלמיד חכם, האט איר אריינגערופן אין ספרים שטוב, און מיט א ווינק פון די אויגן האט ער איר געזאגט, "קום אסתי, יעצט וועל איך דיר ווייזן וואס ליגט באהאלטן אין די לעצטע לעדל."

אסתי האט נישט געקענט גלייבן איר גוטע מזל. איר טאטע אליין גייט יעצט אנטפלעקן וואס ליגט דא באהאלטן יארן, יארן בסוד סודות. זי האט זיך מורא'דיג געוואונדערט דערויף, זי פלעגט ליגן אין בעט נעכט אויף נעכט און דורכטראכטן אלע ביישפילן וואס קענען זיין דארט באהאלטן. אפשר איז דא דארטן צעטעלעך פון א גרויסע ירושה, א צוואה, אפשר באהאלטענע משפחה סודות, אדער גאר א גרויסע אוצר.

איר טאטע נעמט ארויס די שליסל און זאגט, "קום אסתי, היינט וועסטו געוואויר ווערן וואס ליגט אינעם לעצטן לעדל."

מ'האט אביסל אפגעווישט די שטויב פונעם טישל, יוצא צו זיין די פסח רייניגן, און אט אט ווערט אנטפלעקט פאר איר דעם באהאלטענעם אוצר. אסתי'ס טאטע איז געווען א מוהל. דארט אינעם לעדל איז געווען די מוהל מעסער. זיי האבן זיך ביידע אנגעקוקט און צולאכט אויפ'ן קול.

טייערע מאמעס, דיין אסתי, דיין רחל'ע, דיין חיים, דיין נחמן, דיין יענקעלע, און אפילו די קליינע פייגעלע זעען דיך אדורך. ווען מ'פרעגט די שווערע חינוך שאלה וויאזוי איז מען מחנך קינדער, איז די ענטפער מיטן רבין'ס שכל און לימודים זייער קלאר: קינדער וועלן נאכמאכן די עלטערן.

אז די טאטע גייט אין שול דאווענען, נעמט א ספר לערנען, וועלן די יונגלעך אזוי טון. אז די מאמע פירט זיך צניעות'דיג און איידל, און פירט א כשר'ע שטוב, וועלן די קינדער דאס נאכמאכן.

וואס האסטו אין דיין לעצטע באהאלטענע לעדל? דיינע קינדער וועלן אויך האבן נאר איין לעצטע באהאלטענע פארשלאסענע לעדל. אבער "ותשחק ליום אחרון" - די לעצטע טאג וועט לאכן דער וואס פילט זיך אן די לעדלעך מיט מצוות און מעשים טובים, יראת שמים, תמימות און אמונת חכמים.

לייג נישט אוועק קיין אנדערע זאכן אין דיינע לעדלעך, וואס גייט אויך ארויף אויף די לעדלעך פון די מוח, ווייל וואס מ'נעמט אריין, דאס ווערט אנטפלעקט צום סוף.

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א בריוו פונעם ראש ישיבה

צו דער ראש ישיבה, שרייבט א אידישע מאמע,
קוים וואס איך פארע זיך און נעם זיך צוזאמען...
איבערן קאפ בין איך פארנומען,
זאגן תהלים, טו איך נישט אנקומען.

פון שיר השירים שוין אפגערעדט,
איך פאל אריין פארמאטערט אין בעט...
תיקון הכללי? ווי, וואס ווען...
קוים מיין אייגענע נאמען איך קען...

ביים שיעור, האט דער ראש ישיבה,
פארענטפערט די מאמע'ס בריוון:
ווייסט וואס עס איז דיין פרק שירה...
דאס אז דו רוימסט אויף דיין דירה!

דאס איז דיין שיר השירים זאגן,
טאג טעגליך מיט קינדער זיך פלאגן, (ב"ה!)
דאס זענען דיינע קאפיטלעך תהלים,
טון, אלס מאמע, דעם אייבערשטנ'ס ווילן!

... לויפן פון איין קינד צום צווייטן,
די נאסע וועש אויסשפרייטן,
די בעיבי באדן און טוישן,
אנשמירן מיט lotion,
א גוט ווארט פאר א קינד האב אינזינען...
נאכאמאל טוישן די linen,
און די ווי‏פילטע מאל אויפקלינען...
אין הימל מען טוט דיר אויסרימען!

דיינע פליכטן, פרייליך, טו עס,
ס'איז אלעס בלויז רוחניות!
מיט דיין קאכן, רוימען, באקן,
בארואיגן, פיטערן, ביסט אלעס מתקן!

א גלעט אויף א קינד'ס פנים,
אויפציען פארן אייבערשטן בנים ובני בנים.
אויך אינמיטן טאג א קורצע דרימל,
א זכות פאר דיר אויבן אין הימל!!!

מאמע גוטע, מאמע טייערע,
קלאפ דיך נישט, ס'איז אן עבירה!
האסט געטון אזא לאנגע ליסטע,
ביים באשעפער חשוב ביסטו!
נישט אלעמאל קען מען עפעס אנזען,
ס'קוקט אויס פון אינדרויסן פשוט plain...
אבער דער אייבערשטער האט פון דיר א נחת,
דווקא מיט דיר וויל ער שייכות!!

...שייכות...? עבודות אנהייבן פראווענען?
זיך שטעלן שחרית מנחה דאווענען?
ניין! טרעף דער צייט ביי דיין ארבעט אינמיטן,
קשר מיטן אייבערשטן, ביי די מינוטן...
ווען דיין קינד'ס האר, דו טוסט אויפקניפן,
קענסטו אויך שאקלען מיט די ליפן...
באשעפער איך וויל קינדער צדיקים...
זיי זאלן זיין צוגעקלעבט צו דיר, בך דבוקים!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. טראכטער




# זי איז פריש

האסטו שוין געהערט דעם אויסדרוק? איז עס דיר קענטליך? דאס הערט מען צומאל ווען איינער דערציילט איבער א שמועס וואס ער האט געהאט מיט א "פרישן" מקורב.

אסאך זאגן עס מיט א טאן פון נאסטאלגיע, מיט בענקעניש און צומאל מיט א טראפקעלע קנאה. עס ברענגט אויף געפילן פון די טעג פון אנהייב התקרבות, ווען מען האט געשפירט "ווי די וועלט ווארפט בלומען צו מיר און איך שפאציר אויף א טעפיך פון גאלדענע וואלקענעס".

אה... די ערשטע טעג פון התקרבות!!
וואו נעמט מען צוריק דעם פייער, די התלהבות, דעם קאך, די אמונת צדיקים?

און וואס האט טאקע פאסירט?!
פארוואס פאסירט טאקע אז ערגעץ אינצווישן כאפט מען זיך, "וואו בין איך אויף דער וועלט? וואו איז מיין ברען?"

דאס אליינס ברענגט אויף צומאל חלישות הדעת, אפשר בין איך פשוט געווען אויף א "היי"? אפשר בין איך פשוט געווען אריינגעצויגן אין א נייע וועלט און איך בין פאר'שיכור'ט געווארן?

איז וואס פאסירט טאקע?

...

ווען די אידישע קינדער זענען אדורכגעגאנגען דעם ים סוף זענען זיי געווען אין אזא הויכער בחינה אז אפילו א

שפחה, א דינסט מיידל, און אפילו קליינע קינדער האבן געוויזן מיט די פינגער "זה קלי ואנוהו" דאס איז אונזער באשעפער און מיר ווילן אים באשיינען.

די אידישע קינדער זענען געקומען פון מצרים, פון מ"ט שערי טומאה און פלוצלינג האט זיך אנטדעקט פאר זיי אזא שטראל, אזא ליכטיגקייט, אזא התגלות השכינה אז אלע האבן אויף איינמאל געזונגען שירת הים.

צדיקים זאגן אונז אז אזוי גייט עס מיט עבודת ה'. ווען א מענטש הייבט אן דינען דעם אייבערשטן, הייבט אים אן צו שיינען, די נשמה לעבט אויף. אבער די געפיל וואס מען שפירט, איז א בחינה פון טועמי'. דאס איז א צייטווייליגע "טעיסטינג" וואס דער אייבערשטער געבט פאר א מענטש, אז ער זאל שפירן צו וואס מען קען אלץ זוכה זיין אויב ער וועט ארבעטן דערויף.

נאכדעם, זאגט אונז דער אייבערשטער, אז מען דארף ארבעטן זוכה צו זיין צו באקומען די געפיל דורך הארעווען און אסאך וויינען און בעטן און זיך מתבודד זיין ביז מען איז זוכה צוצוקומען דערצו.

אזוי איז אויך געווען ביי אידישע קינדער. ביים ים האבן זיי אלע געשריגן "זה קלי ואנוהו", אבער נאכדעם זענען געקומען די ספירה טעג וואס די אידן זענען געקראכן מדריגות, יעדן טאג, נאך א קליינע טרעפל העכער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס נאכגעזאגט דעם שטיקל אין ספר המידות תשובה אות ע"ו:

**הַמַּתְחִיל לַעֲבֹד אֶת ה', הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא אוֹמֵר לוֹ: יוֹדֵעַ אֲנִי, שֶׁחֶפְצְךָ וּרְצוֹנְךָ לַעֲבֹד אוֹתִי, אֲבָל מַה הוּא הַבְּטוּחוֹת שֶׁמָּא לְמָחָר תַּעֲזֹב אוֹתִי, אִם כֵּן אֵיךְ אֲקָרֵב אוֹתְךָ בִּשְׁבִיל הָרָצוֹן שֶׁרָצִיתָ, וְאֵיךְ אֲגַלֶּה לְךָ תֵּיכֶף דְּבָרִים נִסְתָּרִים, אֶלָּא כֵּן תַּעֲשֶׂה: בִּתְחִלָּה אֱהַב אוֹתִי כָּךְ וְתַעֲשֶׂה מִצְווֹתַי, אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַמִּצְוָה, וַעֲבֹד אוֹתִי פָּשׁוּט בְּלֹא חָכְמוֹת, וּכְשֶׁתַּעֲבֹד אוֹתִי כַּמָּה זְמַנִּים, אֲזַי אַאֲמִין לְךָ וַאֲגַלֶּה לְךָ טַעַם וְשֵׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וְדָבָר וַאֲקָרֵב אוֹתְךָ בְּכָל מִינֵי הִתְקָרְבוּת, כִּי הַזְּמַן הָרַב שֶׁעֲבַדְתָּ אוֹתִי מִקֹּדֶם הוּא בְּטוּחוֹת, שֶׁלֹּא תַעֲזֹב אוֹתִי [הֵן אֱמֶת].**

ערקלערונג: ווען א מענטש וויל אנהייבן דינען דעם אייבערשטן, הייבט ער אן שפירן א טעם און א ליכטיגקייט אין עבודת ה'. ער טרעפט דעם צדיק וואס לייכט אים אויף, און דאן זאגט דער אייבערשטער, "איך ווייס אז 'יעצט' ווילסטו מיר טאקע דינען, אבער איך דארף א גאראנטי, אן הבטחה אז מארגן וועסטו מיר אויך נישט אפלאזן.

פארוואס זאל איך דיר מקרב זיין נאר לויט דיין יעצטיגן רצון און דיר מגלה זיין די טיפקייט און שיינקייט פון אלעם? וואס וועט זיין מארגן?"

נאר די וועג איז אזוי: קודם זאלסטו ליב האבן דעם אייבערשטן און דינען און טון אלע מצוות אפילו דו שפירסט נישט, אפילו דו פארשטייסט נישט, פשוט, אן קיין פארשטאנד. און אז דו וועסט זיך אזוי פירן פאר א לאנגע צייט, וועל איך זיין פארזיכערט אז דו מיינסט עס טאקע אמת'דיג און דיר געבן צו שפירן די זיסקייט פונעם אייבערשטן, און דיר דערנאך מקרב זיין מיט אלע סארט התקרבות, טאקע ווייל דו האסט מיר געדינט אזוי לאנג אן שפירן א טעם און דאך האסטו מיר נישט פארלאזט.

...

ווען א מענטש ווערט מקורב צום צדיק, צום רבי'ן, מען הייבט אן הערן שיעורים וואס לייכטן אויף דאס לעבן, געבט דער אייבערשטער צום ערשט אזא ליכטיגע געפיל, א מתנת חנם, א בליק אריין אין די מורא'דיגע ליכטיגקייט, וואס מען שפירט אין עולם הבא.

אבער שפעטער קומט טאקע פונקט דאס, אז דער מענטש שפירט זיך פלוצלינג אויסגעלאשן, אויסגעשלאסן, קאלט און פארפרוירן. וויאזוי קען זיין אז א צייט צוריק איז יעדער דיבור פון רבי'ן, יעדע שיחה, יעדער שמועס געווען א שטיק לעבן און געהאט אלע חן אין דער וועלט, און יעצט ג-א-ר-נ-י-ש-ט?

כך הוא דרכו של תורה... אזוי איז די וועג פון עבודת ה'. טעמו וראו, קום און זיי טועם. נעם א טעיסטינג, קום צום טעם און יעצט הייב אן פון פריש, יעצט נעם די עצות און הייב אן לעבן דערמיט.

דער הייליגער רבי דערציילט אין סיפורי מעשיות ביי די מעשה פון די זיבן בעטלערס, אז די פארפאלק איז געווען אין וואלד און פלוצלינג איז ערשינען א בעטלער וואס האט זיי געגעבן ברויט צו עסן. דער בעטלער איז תיכף דערנאך אוועקגעגאנגען. דאס פארפאלק האט געבענקט און געבענקט, ווי נעמט מען דעם ערשטן בעטלער?

איך האב אמאל געהערט פון דעם ראש ישיבה שליט"א אז דאס האט דער בעטלער געטון, אראפגעלייגט דאס

רובם ככולם מענטשן מוטשען זיך דורכצושטופן דעם חודש. א לעצטיגע אנאליז האט געוויזן אז איבער 85% היימישע אידן ענדיגן דעם חודש "אין די רעד" אין א דעפעציט, חובות.

ברויט און אוועקגעגאנגען. דאס איז די וועג פון ווערן מקורב צום צדיק וואס ברענגט אונז און איז אונז מקרב צום אייבערשטן. מען לייגט דיר אראפ ברויט פאר דיין נשמה און יעצט למען הבחירה ונסיון ווארט דער אייבערשטער צו זען, וואס טוסטו דערמיט?

וואס טוסטו ווען דער בעטלער איז נישט דא? וואס טוסטו ווען דער צדיק וואס האט דיר מקרב געווען צום אייבערשטן שטייט נישט ביי דיין זייט? וואס טוסטו ווען דו שפירסט 'נישט'? וואס טוסטו ווען דו זעסט נישט די ליכטיגקייט? צו וועמען דרייסטו זיך ווען אלעס האט פארלוירן דעם טעם עולם הבא?

אין א שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז עס מאכט זיך א זמן ווען דער "מעין ברעיקער", דער הויפט לעקטער האט זיך פארלאשן. "אבער איין זאך בלייבט," האט דער ראש ישיבה געזאגט, "די מויל." אפילו עס איז פארטריקנט, אפילו אן הארץ, אבער תפילות קענען מיר יא גיסן.

א פרוי האט מיר געפרעגט איין טאג, "וואס איז די תכלית פון די וועלט? צו טון רצון ה'. ריכטיג?"

ריכטיג.

"די תכלית פון דער וועלט איז נישט צו טרעפן דעם ברסלב'ן רבי? די תכלית פון דער וועלט איז צו טון רצון ה'. ריכטיג?"

ריכטיג.

"אבער איך וויל דיר אויסבעסערן," האב איך צוגעלייגט.

רובם ככולם מענטשן מוטשען זיך דורכצושטופן דעם חודש. א לעצטיגע אנאליז האט געוויזן אז איבער 85% היימישע אידן ענדיגן דעם חודש "אין די רעד" אין א דעפעציט, חובות.

יעצט לאמיר זאגן אז דער אייבערשטער האט דיר באשערט פרנסה בריווח מיט א שמוץ אריבער. (לאמיר נישט רעדן פון עשירות וואס איז מיט'ן רבי'נס שכל בכלל נישט קיין מעלה, נאר ברייטע פרנסה) דו קענסט זיך ב"ה ערלויבן אלעס וואס פעלט אויס און אפילו מער. דו קענסט טיילן צדקה מיט א ברייטער האנט. עס איז דא שפע. פארשטייט זיך אז מרבה נכסים מרבה דאגה, און דער טעלעפאן קלינגט כסדר פון באקאנטע און פריינט וואס בעטן צו בארגן אפאר טויזנט דאלער דא און דארט וכו'. עס איז נישט אלעמאל די בא'טעמ'סטע עסק, ספעציעל מיט נאנטע מענטשן, ווייל נישט אלע זענען אזוי ערליך מיט'ן באצאלן, און מען האט שוין אנגעזעצט.

וועט בייפאלן פאר א מענטש צו זאגן, "וואס דארף איך די פרנסה, לאמיר ענדערש זיין א געהעריגער ארימאן ווי מיינע שכנים? לאמיך זיין א מענטש צווישן מענטשן און זיך מוטשען אזויווי יעדער מוטשעט זיך?"

פארשטייט זיך אז דאס איז טפשות.

**די ציל פון דער וועלט איז, "צו טון רצון ה'."**

אבער דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר, איך ווייס נישט פארוואס איך האב טאקע זוכה געווען צו דעם, און מיר מקרב געווען צום הייליגן רבי'ן, וואס געט מיר פרנסה בריווח ברוחניות! איך האב א וועג זיך צו ספראווען מיט "מיינע חובות", מיינע זינד. איך האב א וועג, א לייטער וואס טראגט מיר העכער און העכער. איך באקום אזא ליכטיגקייט, וואס ברענגט מיר צו טראכטן פון תכלית, פון אמת, פון אייבערשטן.

אוודאי קומט עס מיט א פרייז. צומאל זייער א טייערע פרייז. דו ווילסט נישט? ביסט זיכער? הער וואס דער הייליגער רבי זאגט.

דער הייליגער רבי זאגט אונז אין ספר המדות, "**צַדִּיק שֶׁמְּקָרֵב אֶת הָאָדָם, וְהָאָדָם הַזֶּה לֹא רָצָה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ, מֻתָּר לוֹ לִדְחוֹת בְּיָדַיִם.**" א צדיק וואס וויל מקרב זיין א מענטש און דער מענטש וויל נישט מקורב ווערן, מעג מען אים אוועקשטופן מיט די הענט.



דאס הייסט, דער רבי וויל דיר מקרב זיין. ביסט זיכער אז דו ווילסט נישט? דאס איז נישט קיין קינדער שפיל, מען קען דיר אוועקנעמען די גאנצע הערליכע שכל. אז מען שטויסט און מען וויינט, קען מען דיר נאך איין טאג זאגן פון הימל, "נישט, איז נישט!!"

מען האט דיר מזכה געווען פון הימל צו טרעפן דעם הייליגן רבי'ן, די הייליגע לימודים כדי דו זאלסט טאקע קענען זוכה זיין צו ערפילן דיין תפקיד אויף דער וועלט, "לעבן מיטן אייבערשטן, טון רצון ה'."

נישט אלע זענען זוכה דערצו. ליידער קומען אסאך נשמות ארויף אויבן זייער פארשעמט. דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט פאר רבי נתן, "דו דרייסט זיך דאך צווישן מענטשן, דארף מען זיי פרעגן **"ו-ו-א-ס?"** דער רבי האט אויסגעצויגן דאס ווארט ווי איינער וואס וואונדערט זיך און פרעגט, "וואס טראכטן זיי? וואס טוען זיי אויף דער וועלט?" מען יאגט און פלאגט, לויפט און קויפט, אבער וואס און פארוואס? פארוואס שטעלט מען זיך נישט אפ און טראכט אריין, "מה חובתי בעולמו?" וואס איז די תכלית און ציל פון דער וועלט?

דאס הייסט אז עס זענען נעבעך דא מענטשן וואס נאכ'ן אפלעבן 70-80 יאר קומען זיי ארויף פארשעמט און אנטוישט. דער הייליגער רבי מיט זיינע הייליגע תלמידים זענען מגלה פאר אונזערע פארשמירטע פשוט'ע מוחות וויאזוי **מיר** קענען אדורכגיין די וועלט און בלייבן מיט דעם ציל פאר די אויגן, נישט ווערן פארבלענדט. דער הייליגער רבי ברענגט אריין אין אונז תכלית אז עס זאל זיין "ותשק ליום אחרון" מיר זאלן זיך קענען פרייען אינעם לעצטן טאג.

דער הייליגער רבי זאגט אונז אין ספר המדות:

**קִרְבַת הַצַּדִּיקִים טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא.**

**זיין נאנט מיט צדיקים איז גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.**

ברוחניות, בגשמיות, בנפשיות...

**הַמְקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם.**

**ווער עס איז נאנט מיט א צדיק אויף דער וועלט, ער וועט אויך זיין נאנט (מיט'ן צדיק) נאכן שטארבן.**

**א גאראנטי פאר עולם הבא.**

**מִי שֶׁסּוֹמֵךְ אֶת הַצַּדִּיק בְּכָל מִינֵי סְמִיכוֹת, הוּא סָמוּךְ וְקָרוֹב לוֹ לְעוֹלָם הַבָּא.**

**ווער עס לאנט זיך אן אויפ'ן צדיק מיט אלעס, וועט זיך אנלענען און זיין נאנט צו אים אין עולם הבא.**

עס לוינט נישט אפצולאזן צדיקים אין צייט פון בלבולים און חלישות הדעת.

**עִקָּר שְׁלֵמוּת הַנֶּפֶשׁ תָּלוּי בְּקִרְבַת הַצַּדִּיק,**

**די עיקר שלימות פון דער נשמה איז אנגעהאנגען אין זיין מקורב צו א צדיק.**

דער סוד, די וועג אנצוקומען צו "טון רצון ה'" איז טאקע דורך דעם צדיק. ויאמנו בה', צו גלייבן אין באשעפער איז דורך ובמשה עבדו, איז מען זוכה דורך זיין מקורב צו צדיקים.

קוקט נאר וואס איז געשען מיט אידישע קינדער ווען זיי זענען געווען פערציג טעג אן א רבי. קוקט ווי ווייט זיי זענען געפאלן אז פערציג טעג נאך מתן תורה, די היסטארישע מינוט אויף וואס די גאנצע בריאה האט געווארט, האבן אידישע קינדער נעבעך געקענט צוקומען צו מאכן אן עגל, ווייל זיי האבן אפגעלאזט זייער רבי. זיי האבן שוין פארשטאנען בעסער.

דאס וואס מען גייט אריבער חלישות הדעת און די מח מישט זיך, "יא, ריכטיג, נישט ריכטיג? יא געפיל, נישט געפיל..." אדער סיי וועלכע חלישות הדעת דו האסט, דאס איז למען והבחירה והנסיון, צו זען אויב דו מיינסט עס אמת'דיג, אויב דו ווילסט טאקע זיין אן ערליכער איד. דאס איז צו זען אויב מיר זענען ווערד צו מקבל זיין די הייליגקייט און שיינקייט וואס דער אייבערשטער ווארט צו מגלה זיין. ווארט שוועסטער מיט סבלנות, לאז נישט אפ דיין עבודה, לאז נישט אפ דעם אייבערשטן, לאז נישט אפ צדיקים. באלד, באלד וועט אויפשיינען די זון און עס וועט ווערן ליכטיג. באלד וועט ווערן טאג און די טונקלקייט וועט פארשווינדן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו פרשת תרומה: **"יעצט ווען עס גייט אריבער אויף דיר חלישות הדעת און בלבולים וכו' וכו', און דו דערהאלטסט זיך, דאס איז א גרויסע חידוש. יעצט שיינסטו און לייכסט אין אלע עולמות, דוקא יעצט ווען עס איז חושך ואפילה, אלעס איז טונקל, אלעס איז קאלט, אויסגעלאשן וכו' און דו גייסט אן מיט דיין עבודת ה', יעצט שאקלסטו אלע הימלען.**

**דו ווייסט אז רבי נתן האט געזען איינעם פון די תלמידים ווי עס ברענט אין אים עבודת ה', האט אים רבי נתן געזאגט: "יעצט האב איך נאכנישט הנאה פון דיין עבודת השם יתברך, נאר דעמאלטס ווען איך וועל דיר זען אין א קטנות הדעת און דו וועסט ווייטער דינען דעם אייבערשטן, ווען דו וועסט אראפפאלן און דו וועסט ווייטער טון וואס מען דארף טון, דעמאלטס וועל איך הנאה האבן."**

לאמיר זיך שטארקן שוועסטער, מיט תפילה והתבודדות אונזער שטארקסטע געווער, אונזער איינציגסטע טרייסט, אויסשמועסן דאס הארץ מיטן אייבערשטן און אים בעטן א מתנת חנם והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצוותיך. באלייכט מיינע אויגן אין די זיסע וועגן פון די תורה, איך זאל וויסן דעם וועג און זוכה זיין צו זיין צוגעקלעבט צו מצוות ומעשים טובים! לאמיר זיך אויפפרישן. דער רבי האט געזאגט "אלט איז נישט גוט צו זיין!" לאמיר בלייבן "פרישע מקורבים" כל ימי חיי! אחי, חזק!

# קלאסיפיידס

## חלה פאברענען

מיר פאברענען אייער חלה פאר צוויי דאלער א פעקל.
עס וועט זיין א באקס ביי האשקי און ירושלים שול.
אזוי אויך ביי 445 Mongaup
**אדער רופט 347–585–9054**

בנציון יאקאבאוויטש

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן
זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט
**רופט 917–501–5100**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **יודל טורנויער** הי"ו

וזוגתו ברײנדא תחי'

### צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.




# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **שלמה רוטה** שליט"א

וזוגתו פריידא תחי'

### צו די געבורט פון א איינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **עזרא בוים** הי"ו

וזוגתו אסתר תחי'

### צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **שמעון אביש** הי"ו

וזוגתו יענטא תחי'

### צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו

וזוגתו רבקה תחי'

### צו די בר מצוה פון א זון למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מ. פאפענהיים




# חמץ אין פסח!

"מחי'! טאטי נעמט שוין אראפ די רענצלעך!!!"

די קינדער זענען געשפרונגען פאר פרייד. טאטי האט אריינגעברענגט די רענצלעך און זיי ארויפגעלייגט אויפן טיש; ס'איז נישט צום גלייבן אבער א פאקט: מארגן פארט מען שוין קיין אומאן!

די אינגלעך האלטן נישט ביים גיין שלאפן, זיי ווילן זען ווי מען הייבט אן צו פאקן, אבער נאך עטליכע מינוט פארשטייען זיי אז מען מוז פאלגן - זיי דארפן דאך האבן כח פארן וועג.

איך לייג אויס די גרויסע רענצלעך און מאך א שנעלן חשבון: דעם יאר פארן שוין מיט צוויי אינגלעך, וועלן זיי קענען מיטנעמען דריי גרויסע רענצלעך און דריי קליינע רענצלעך אויפן פליגער.

איך האב קודם געוואלט אנהייבן פאקן א באזונדערע רענצל פאר יעדן איינעם, אבער דאן האב איך זיך דערמאנט אז לעצטע יאר איז מיין אינגל'ס רענצל געבליבן ערגעץ שטעקן און ער האט נישט געהאט קיין וועש. דעריבער וועל איך ענדערש פאקן אין יעדן רענצל אביסל פון יעדנ'ס זאכן, אזוי אז אויב עפעס בלייבט שטעקן, זאל מען כאטש האבן א טייל פון די חפצים.

וויבאלד איך לייג סייווי אריין די וועש אין זעקלעך צעטיילט לויט די טעג, מאכט עס נישט אויס קיין גרויסן חילוק. איך הייב אן מסדר זיין די וועש אין די זעקלעך און לייג עס אריין אין די רענצלעך. עס פילט זיך שנעל אן: אונטערוועש, זאקן, פיזשאמעס, וואכעדיגע העמדער, הויזן און די יום-טוב'דיגע וועסטלעך - אלעס שיין מסודר אויפן פלאץ. נאכן איינפאקן די קליידער איז שוין געווארן שפעט; די רענצלעך מיט די עסן פארן וועג וועט מען שוין ענדיגן צאמפאקן מארגן.

ווי נאר דער פרימארגן האט אויפגעשיינט, צוזאמען מיט די קוויטשקען פון די פייגעלעך איז שוין יעדער אויפגעשטאנען. נו, רייזע-

פיבער... די אינגלעך ווייסן נישט וואס צו טון מיט זיך פאר גרויס שמחה, דער לאנג ערווארטעטער טאג איז ענדליך אנגעקומען!

מיין מאן איז ארויס דאווענען שחרית, און אויפ'ן וועג צוריק וועט ער איינקויפן די לעצטע פאר זאכן און אויך ברענגען ספרים צו מפיץ זיין. אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט, אז דאס ברענגען ספרים איז א סגולה אז די רענצלעך זאלן זיך נישט פארלירן.

איך נעם ארויס פון פריזער אלע גוטע זאכן וואס מען האט אנגעגרייט פאר די לאנגע נסיעה, און איך גיי פארענדיגן דאס פאקן. די קלענערע רענצלעך וואס זיי נעמען מיט אויפן פליגער וועל איך אנפילן מיט עסן פארן לאנגן וועג; איך וויל דארט אויך אריינלייגן אן איבעריגע סעט וועש, אז זיי זאלן עס האבן צו דער האנט גלייך ווי זיי קומען אן. עס איז יעצט אויך א גוטע געלעגנהייט, ווען זיי זענען אין שול, צו פארשטעקן די שיינע "שנה טובה" קארטלעך וואס די קינדער האבן אנגעגרייט - א סורפרייז פארן בענקעדיגן טאטן אין אומאן.

ווען דאס ערשטע רענצעלע איז איבערגעפילט, עפן איך אויף דאס צווייטע. איין מינוט... עפעס ליגט דא שוין. האב איך דא שוין אריינגעלייגט א פושקע האניג קוקיס? וואס טוט זיך דא? די פושקע האט א גרינע דעקל, און אלע געבעקסן וואס איך באק שוין פון אינמיטן זומער האב איך איינגעפאקט אין פושקעס מיט ווייסע דעקלעך. איך עפן עס אויף, און א געדיכטע שימל-געררוך פילט אן די לופט, אבער איך דערקען נאך אונטערן שיכט שימל טרוקענע האניג קוקיס. דו ווילסט מיר זאגן אז דאס ליגט דא נאך פון פאראיאר ראש השנה?????

איין מינוט... איין מינוט... איך מוז כאפן וואס דא גייט פאר. די גרויסע רענצלעך נוצן מיר אסאך דורכאויס דעם יאר ווען מיר פארן צו מיינע שווער און שוויגער אויף שבת קיין בית שמש, אבער די קליינע קומט אונז בכלל נישט אויס צו נוצן. מען האט עס געקויפט ספעציעל פאר אומאן, כדי צו קענען ארויפנעמען אויפן פליגער מיט אלעס וואס מען דארף פארן וועג. עס מוז זיין אז די פושקע קיכעלעך איז פארגעסן געווארן ביים אויספאקן און עס איז דארט געלעגן שטילערהייט...

דאס מיינט אז פסח איז געווען ביי אונז אין הויז גראבע שטיקער חמץ!!!

יא, איך דערמאן זיך אז פאר פורים, ווען מיר זענען אהיים געקומען נאך א געשמאקן שבת ביי די שוויגער-עלטערן, האב איך גוט אויסגעשאקלט די רענצלעך און איבערגעקוקט די טאשן, וויסנדיג אז איך גיי עס מער נישט נוצן ביז נאך פסח. אבער עס איז מיר נישט איינגעפאלן צו טראכטן אז אין די קליינע רענצלעך וואס מען נוצט נישט א גאנץ יאר, ליגט באהאלטן אן אוצר...




באשעפער!!! מיר האבן געהאט חמץ אין שטוב אום פסח!!! איך ווארף אראפ די פושקע אויפן טיש. חמץ!!! וואס טו איך יעצט???

די טיר עפנט זיך אויף, מיין מאן קומט אהיים מיט א גוטמוטיגן "גוט מארגן!", אנגעלאדנט מיט פעקלעך אין די הענט. ער הייבט אן אויסצופאקן קרעקערס, פושקעס טונא, בייגעלעך און קיכעלעך - זאכן וואס האלטן זיך לאנג פריש און זעטיגן ווען מען האט נישט עפעס בעסערס.

"וואס האסטו געקויפט?" פרעג איך אים דערשראקן, "חמץ???"

"וואס דען זאל איך

"קויפן?" - קוקט ער מיר אן ווי איינער וואס איז אראפגעפאלן פון די לבנה - "מצות און מרור פארן וועג? א גאנץ גוטע געדאנק, צו עסן די געשמאקע מצות פון שטעטל אויפן וועג קיין אומאן..."

"נע... ס'איז נישט קיין וויץ," ענטפער איך, "קוק וואס איך האב דא געטראפן!" איך ווייז אים דעם אוצר; ער גיט א בליק און פארשטייט גלייך מיינע שאלות.

"אה! ס'איז געבליבן קיכעלעך פון א יאר צוריק, און דו האסט מורא אז מיר האבן געהאט חמץ אין הויז איבער פסח..."

"וואס טו איך מיט דעם? דארף מען עס פארברענען???" פרעג איך צוריק, שוין אביסל היסטעריש.

ער צושמייכלט זיך: "מען דארף עס פשוט ווארפן אין מיסט, אזוי מיט די פושקע אינאיינעם. ערשטנס, איז עס דאך פארשימלט און שוין בכלל נישט ראוי לאכילת כלב; מסתמא איז עס שוין געווען גוט פארשימלט נאך פאר פסח. און צווייטנס, טאקע וועגן דעם זאגן מיר דאך 'כל חמירא' נאכן בודק חמץ זיין און פארברענען דעם חמץ. מען זאגט דארט ממש די ווערטער: 'כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי דלא חזיתיה... לבטיל ולהוי הפקר כעפרא דארעא' - דאס מיינט אז דאס גאנצע זויערטייג און חמץ וואס איך האב נישט געזען, זאל ווערן בטל ומבוטל אזוי ווי די שטויב פון די ערד. קומט אויס אז עס איז שוין לאנג געווארן בטל ומבוטל."

ווען ער זעט אז איך בארואיג זיך נאך אלץ נישט אינגאנצן, פירט ער אויס: "אויב דו האסט נאך אלץ מורא, קענסטו פשוט תשובה טון. זאג פארן באשעפער אז דו האסט עס נישט געזען און נישט געוואוסט אז עס איז נאך דא, און דו טוסט תשובה..."

א לאגישער קאפ מיט א ברסלב'ער שכל...

די פושקע קומט אן אין מיסט. א דאנק דעם אייבערשטן אז עס איז געווען גוט פארמאכט, אזוי אז דאס רענצל איז נישט

## די קינדער אין שטוב קוקן נאך מיט גלוסטיגע אויגן, ביז די קאר ווערט פארשוואונדן פון האריזאנט. און איך ווייס אז דער "אומאן פראיעקט" פאנגט זיך אן...

געווארן פארשימלט אינאיינעם מיט דעם... נישטא קיין צייט צו טראכטן, אין פיר שעה הייבט זיך דער פליגער... מען פארענדיגט די לעצטע הכנות און... זיי פארן זיך קיין אומאן...

די קינדער אין שטוב קוקן נאך מיט גלוסטיגע אויגן, ביז די קאר ווערט פארשוואונדן פון האריזאנט. און איך ווייס אז דער "אומאן פראיעקט" פאנגט זיך אן...

ביינאכט ווען די קליינע זענען שוין געשלאפן און איך האב געהאט עטליכע מינוט פאר מיר, האב איך איבערגעטראכט די מעשה און עס אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן.

באשעפער, וואס באדערט מיר אזוי שטארק אז איך האב געטראפן אלטע קוקיס? לויט די הלכה איז עס מסתמא שוין נישט געווען קיין חמץ, און אפילו אויב יא האבן מיר עס דאך מבטל געווען, און אויב נאך אלץ, טו איך יעצט תשובה אויף דעם. און מיט דעם אלעם באדערט עס מיר אזוי שטארק... פארוואס? אפשר באדערט מיר די אומבאכלעפטשעטקייט פון טרעפן א פושקע שימל? עס קען דאך געשען ביי די שענסטע משפחות...

איך מיין איך ווייס שוין וואס עס שטערט מיר. דעם לעצטן ערב פסח האט מיר אנגעכאפט א חשק און איך בין איבערגעגאנגען דאס גאנצע הויז. איך האב באקומען אסאך הילף, סיי מיט די קינדער און אויך מיטן ריי ניגן, און איך געדענק נאך ביי בדיקת חמץ דעם וואונדערבארן געפיל: דאס גאנצע הויז שמעקעדיג ריין, אלע שאפעס זענען שיין מסודר, און איך בין געווען זיכער אז ביי מיר אין הויז איז נישטא קיין ברעקל חמץ. איך האב דאך אלעס אלעס געמאכט, אפילו די שאפעס וואו עס קומט נישט אן קיין עסן א גאנץ יאר. און יעצט ווער איך געוואויר אז עס איז נאך אלץ געווען חמץ, און נישט סתם קיין ברעקעלעך, נאר גאנצע שטיקער...

א מענטש קען זיך איינרעדן: איך טו, איך מאך, איך גיי אריבער אלע ווינקלעך, מיר פירן זיך מיט אזעלכע שטרענגע חומרות, עס קען דאך נישט בלייבן קיין ברעקל. אבער נאר דורך תפילות און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף קען מען זוכה זיין ניצול צו ווערן אפילו פון א משהו חמץ.

אין די יעצטיגע טעג, ווען מיר זענען פארנומען מיט די הייליגע ארבעט פון ארויסרוימען דעם חמץ, לאמיר צולייגן א קליינע תפילה: "הייליגער באשעפער! העלף אונז ניצול ווערן פון יעדע ברעקל חמץ. העלף מיר האלטן דעם פאקוס אויף וואס עס איז וויכטיג און וואס עס איז איבריג; העלף מיר האלטן א פרייליכע אטמאספער אין שטוב, עס זאל איינגעקריצט ווערן אין די קליינע הערצעלעך אלס די פרייליכסטע צייט פון יאר!"

און אפילו אויב דו מאכסט בכלל נישט פסח'דיג דאס יאר, פאר סיי וועלכע סיבה, קענסטו אויסנוצן די יעצטיגע טעג מיט'ן מאכן "פה-סח'דיג" דאס מויל, און זוכה זיין צו אלע גוטע השפעות.

**א פרייליכן ערב פה-סח.**

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## ב. ע. ל.
מאנסי

שכח אייבערשטער אז איך האב גענומען מיינע קינדער צום ציין דאקטער. פאר איין קינד האב איך געוואוסט אז איך דארף מער תפילות אבער איך האב נישט געוואוסט ווי שטארק תפילה טוט אויף.

דאס קינד האט פארפירט אויף זייער א שטארקע פארנעם. בדרך נס האט מען אים שיין 'געגאמט' (פארשלאפט די ציין) אבער דערנאך האט ער ווייטער געשטויסן און פארפירט. איך האב נישט אויפגעהערט צו מאכן תפילה. מען האט אים פרובירט אנצוהאלטן אבער גארנישט האט געהאלפן, ביז דער דענטיסט האט אויפגעגעבן.

מען האט מיר געזאגט אז איך דארף אהיימגיין, אבער איך האב נישט געקענט טראכטן פון דארפן צוריקקומען.

איך האב ווידער געמאכט תפילה און פרובירט צו רעדן מיט'ן קינד. אינצווישן איז די שטאב געווארן אומגעדולדיג און נישט איבעריג סימפאטיש צו די מצב. זיי האבן מיר אנגעהויבן סטראשען אז אויב איך גיי נישט ארויס וועלן זיי רופן די '"קאפס" (פאליציי).

אין יענע מינוט איז די דענטיסט אריבער די צימער ווי איך בין געזעצן. איך האב איר געגעבן א פרעג, "אפשר ווילסטו נאך איינמאל פרובירן מיט מיין קינד?"

שכח אייבערשטער אז זי האט מסכים געווען. און שכח אייבערשטער פאר די נס אז דאס קינד איז איינגעזיצן און מיר האבן געקענט טון וואס מען האט געדארפט.

## א פרוי פון
ארץ ישראל

ווי אלע האלטן מיט איז יעצט א מצב פון מלחמה אין ארץ ישראל, אירן און חיזבאלא שיסן אריין מיסעלס. מען קען זייער שנעל ווערן פארלוירן און דערשראקן. אבער אז מען האט תפילה איז אלעס אנדערש.

איך בעט דעם אייבערשטן יעדע נאכט אז איך זאל קענען שלאפן רואיג בייטאכט, איך זאל זיך נישט אויפוועקן פון די מצב יעצט ווען עס פליעגט מיסעלס. און שכח אייבערשטער, איך בין דורכגעשלאפן די נאכט. ס'איז יא געווען אלארמס, אבער איך האב נישט געהערט.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן יעדע מאל וואס ס'איז געווען אן אלארם במשך די שבת, ס'איז געווען זייער אסאך מאל, אז ס'זאל גארנישט געשען פאר קיין אידיש קינד. און שכח אייבערשטער, ס'איז געווען ריזיגע נסים.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר האלטן רואיג, איך זאל נישט מורא האבן. און שכח אייבערשטער, איך מיין אז איך בין זייער רואיג, שכוח אייבערשטער.

זייט מיר אלע געזונט, און א לעכטיגע פרייליכע וואך

# קינדער היים



פארוואס דארף איך ברסלב? - היימיש

**מלאכים ביים פסח'דיג מאכן**
דעם רבינ'ס חדר

**צדקה מיט א ברייטע האנט**
היימיש

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

ל. לב

## פארוואס דארף איך ברסלב?

אה, פורים איז פארביי, די פענסטער'ס עפענען זיך, א געשמאקע ווינטל שמעקט, אויסגעמישט מיט ריין מאטריאל, און מען נעמט זיך צו די ארבעט פון ריין מאכן לכבוד דעם הייליגן יום טוב פסח.

יעדן אינדערפרי, גלייך ווען מען איז נאך פריש, נאכן זאגן א אידיש ווארט און עסן פרישטיג צינד מלכי אן מוזיק און ארבעט פלייסיג צוזאמען מיט איר מאמע. מען מאכט ריין שטאטלעך, יעדע שעלף איינס אויף אמאל, עס זאל נישט ווערן א באלאגאן, וואס דעמאלט שטרענגט זיך אן די מח, נאר אביסל אביסל פילט זין אן א שיסל, אזוי האט רבי נתן געזאגט.

שכח אייבערשטער די ארבעט רוקט זיך א מחי', און מען האלט שוין אין קאך. פסח דערנענטערט זיך מיט גרויסע טריט, און מלכי מאכט א מעשה פון תפילה עס זאל זיין א ברכה אין די צייט.

"מלכי, איך ווייס דו ביסט שוין אויסגעמוטשעט, אבער איך וויל דו זאלסט ריין מאכן די שאפע פון די באטלער".

"בסדר. מאמי, איך קען ביזדערוויל רעדן מיט א פרענד?"

"יא! קענסט עס טון אינאיינעם מיטן רעדן אויפן פאון. נאר צופרי ווען מען דארף ארבעטן פלינק, וויל איך נישט דו זאלסט רעדן, ווייל ווען מען רעדט ווערט די ארבעט געמאכט שטאטער".

אזא נס אז איך הער זיך צו צו די שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א - טראכט מלכי צו זיך - די שיעורים ווייזט מיר די טייערקייט פון א מאמע, ליב האבן מיין מאמע מיטן גאנצן הארץ, העלפן מיין מאמע ווי אזוי זי וויל, נישט טון און העלפן לויט מיין באקוועמליכקייט, אריינטראכטן אין דאס איבערגעגעבנקייט פון מיין מאמע, וואס זי האט געטון פאר מיר פון דאס געבוירן, און אזוי ווייטער דורכאויס די יארן. און אויך זייער א חשוב'ע נקודה לערנט אויס דער ראש ישיבה שליט"א, אז אין הארץ זאל מען האלטן זייער טייער א מאמע, איר מחשיב זיין.

שמאטעס, וואסער, זייף, א האנטוך, מיט א פאון. טר.... טר.... טר... "חני, וואס מאכסטו? האסט יעצט צייט? אה, זייער גוט! נו, וואס דערציילסטו עפעס גוט'ס, מיר זענען אזוי גליקלעך אז מיר ווייסן פון די עצות פונעם הייליגן רבי'ן".

"מלכי וואס זאל איך דיר זאגן? פון ווען איך הער די שיעורים האב איך באקומען אזא געפיל צו העלפן מיין מאמע. ס'טוט זיך ביי אונזער הויז... אוהא... געזונטע קינדער, און אסאך שטוב ארבעט".

"חני וואס זאגסטו! איך פיל דאס זעלבע!"

"מלכי, דו ווייסט ווי געשמאק דאס איז, איך קען אריינגיין אין א צימער, איך זעץ זיך אוועק, און איך זיץ און שמועס זיך אויס



**חני, איך בין נישט אויף אזא דרגה, איך בין אויך מער אין נאטור אביסל טרוקן, איך ווייין נישט אזוי שנעל, איך ארבעט אויף מיר צו רעדן צום אייבערשטן אן געפיל, אן צו ערווארטן טרערן.**

פאר א לענגערע צייט מיטן אייבערשטן. איך קען זיך אזוי אויסשמועסן מיטן אייבערשטן יעדן טאג, עס איז מיר אזוי גרינג, איך ווייין זיך אזוי גוט אויס א פערטל שעה... א שעה, ממש א גן עדן.

"וואו! חני, איך בין נישט אויף אזא דרגה, איך בין אויך מער אין נאטור אביסל טרוקן, איך ווייין נישט אזוי שנעל, איך ארבעט אויף מיר צו רעדן צום אייבערשטן אן געפיל, אן צו ערווארטן טרערן, פשוט דערציילן פארן אייבערשטן יעדע זאך וואס איך דארף".

"עס איז אזוי שיין צו זען ווי יעדער טרעפט זיין נקודה חיזוק ביים הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א".

"יא מלכי, ס'איז וואונדערליך!"

מלכי זאג נאר, אפשר העלפסטו מיר, איך האב א שווערע שאלה. וואס איז פשט פון דעם אז מען דארף א צדיק, דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז אויס אז יעדע זאך דארף מען זיך צוגעוואוינען צו בעטן פונעם אייבערשטן, אפילו שוועריגקייטן פון נישט אויסגעארבעטע מידות, זאל מען דערציילן דעם אייבערשטן, און אים בעטן מען זאל זיך קענען שטארקן. אזוי איז מיט יעדע זאך, זאגט דער ראש ישיבה, צום סוף האט עס מיט תפילה.

איז אויב אזוי, יעצט ווייס איך די סוד פון תפילה און שוין, וואס פעלט אויס צו הערן ווייטער די שיעורים? מען מאכט ליצנות פון ברסלב, מיינע עלטערן לאזן מיר הערן די עצות און חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א, אבער אנדערע אין משפחה שפעטן פון מיר! איז אויב במילא אלעס האט מיט תפילה און בעטן פונעם אייבערשטן, וועל איך גלייך גיין צום אייבערשטן און שוין?"

(מלכי טראכט בשעת חני רעדט צו איר) יאוי, איך פיל נישט באקוועם מיט די שאלה. וואס הייסט? ווי אזוי קען מען טראכטן צו קענען לעבן אן עצתו אמונה, אן הערן קוואל פון חיזוק (אזוי האט עס דעמאלט געהייסן), אבער פון צווייטן זייט, האט זי מיר גוט צומישט, ווייל טאקע דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז אויס פאר יעדע זאך גיין גלייך צום אייבערשטן, ווייל



# הײמיש

נאר דער אייבערשטער קען דיר העלפן. אבער פון צווייטן זייט ווייס איך אז די שאלה... די שאלה... עפעס מאכט מיר עס נישט באקוועם, איך ווייס נישט אויב ס'איז ליצנות... איך ווייס ממש נישט פון וואו עס קומט איר די שאלה. חני איז זייער וואויל, אבער אפשר האבן גוטהארציגע מענטשן איר פרובירט צו אויפקלערן??

שוין, ביזדערווייל ענדיגט מלכי ריין מאכן די שאפע פון די באטלער. 'לאמיר שוין ענדיגן די שמועס מיט חני'.

"חני, ס'איז א שווערע שאלה, איך ווייס ממש נישט דעם תירוץ, דאכט זיך מיר אז איך האב אמאל געהערט די שאלה אין א שיעור אויף קול ברסלב. איך וועל פרובירן צו זוכן וואס דער ראש ישיבה שליט"א ענטפערט אויף די שאלה".

"אה, זייער גוט! איך גיי אויך יעצט אראפלייגן מלכי, איך וויל דא העלפן מיין מאמע. ס'איז מיר געווען זייער געשמאק צו שמועסן מיט דיר. ביי... א גוטע נאכט"

"א גוטע נאכט פאר דיר חני, מיר איז אויך געווען געשמאק צו פארברענגען. ביזדערווייל האב איך געענדיגט ריין מאכן דא. ביי ביי, אלעס גוט'ס"...

מלכי שטעלט זיך אויף פון די אונטערשטע ריין געמאכטע שאפעס, און זעט איר מאמע צינדן ליכט, דאס איז א געוועגליכע זאך ביי זיי, יעדן טאג צינד מען אן ביי זיי ליכט פאר צדיקים, נישט נאר דאס, איר באבע און עלטער באבע פלעגן אויך אזוי טון, אנצינדן ליכט פאר אסאך צדיקים. און מיט א תמימות בעטן דעם אייבערשטן פאר די קינדער פון אייניקלעך, און אלעס מיט אזא זיסע תמימות.

שוין, ס'איז שפעט. מלכי זאגט פאר איר מאמע אז זי האט אלעס געענדיגט און זי גייט זיך צוגרייטן צו גיין שלאפן.

מלכי גייט צו איר צימער, וואס געפונט זיך אויפן צווייטן שטאק. זי גייט ארויף, לייגט זיך אראפ אין בעט. אה! שכח אייבערשטער מיין רוקן קען זיך אביסל אפרוען. די מחשבות הייבן אן צו קומען, מלכי טראכט... און טראכט... ווי קען איך טרעפן א ענטפער... וועלכע שיעור רעדט דער ראש ישיבה פון א צדיק? וואס מיינט א צדיק? צו וואס דארף מען א צדיק?

אזוי טראכטנדיג הייבט זי אן צו בעטן 'הייליגער באשעפער, איך וויל אן ענטפער פאר מיר, פארדעם האב איך גערעדט מיט חני, און איך בין פון דעם געווארן צומישט, ווייז מיר אן ענטפער'.

דאן האט מלכי געגרופן קול ברסלב און הייבט אן צו זוכן א שיעור נאך א שיעור, שעפשענדיג א תפילה, א התבודדות שמועס מיטן אייבערשטן. מלכי הערט ווי דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט די גאנצע מעשה פון ר' ליפא וואס איז אוועקגעגאנגען פון רבי'ן, ווייל ער איז געווארן פארשעמט וכו'. און דערנאך האט



רבי נתן אים געטראפן, און אים געפרעגט: 'ר' ליפא וואו זענט איר? עמנו הייתם, איר זענט געווען מיט אונז צוזאמען ביים רבי'ן' האט ער געזאגט: 'ווייל דער רבי האט מיר פארשעמט', האט רבי נתן אים געזאגט: 'אפילו דער רבי וועט מיר האקן מיט א דראנג, און שרייען גיי אוועק פון דא, איך דארף דיר נישט, גייט מען נישט אוועק פון אזא רבי!'

קען זיין אז ר' ליפא האט געזען, קוק איך בין שוין נישט ביים רבי'ן און איך רעד ווייטער צום אייבערשטן. איך לייג תפילין, איך גיי אין שול. אה, מען קען זיך אן עצה געבן. אבער עס האט נישט לאנג אנגעהאלטן, צוביסלעך איז אלעס פארגעסן געווארן, ביז וואו ער איז נעבעך אנגעקומען.

קען זיין די ערשטע פאר וואכן וועסטו פילן 'איי עם פיין' - איך בין גוט. איך רעד יעדן טאג צום אייבערשטן וואס פעלט אויס צו הערן שיעורים, אבער עס וועפט אויס, און חס ושלום ווערט נישט גוט.

מלכי כאפט זיך דאס אטעם, יא, קוק עס איז דא א מענטש מיט א מח, די מח איז גרייט אנצונעמען, ער הייבט אן כאפן וואס מען זאגט אים. הערט ער אויס שיעורים פון אמונה, פון תמימות, גלייבן אין א צדיק און פאלגן, דווקא ווען מען פארשטייט נישט וויאזוי עס שטימט, מען לערנט עצתו אמונה, מען טרינקט זיך אן מיט אשר בנחל, ווערט די מח פול מיט עצות פון א צדיק, דער צדיק ווייזט מיר וואס צו טראכטן.

יעדער טראכט, יעדער בויעט זיך א וועג פון לעבן. איינע טוט עס ווייל אזוי

**יעדער טראכט, יעדער בויעט זיך א וועג פון לעבן. איינע טוט עס ווייל אזוי האט דער טעראפיסט געזאגט, און אזוי איז געשטאנען אין דעם מאגאזין. און א אנדערער פירט זיין לעבן ווייל אזוי איז געשטאנען אין עצתו אמונה, אזוי זאגט מוהרא"ש.**

האט דער טעראפיסט געזאגט, און אזוי איז געשטאנען אין דעם מאגאזין. און א אנדערער פירט זיין לעבן ווייל אזוי איז געשטאנען אין עצתו אמונה, אזוי זאגט מוהרא"ש.

מלכי טראכט נאך אביסל, איין מינוט, דער ראש ישיבה שליט"א שטייט און געבט שיעורים, פארוואס? פארוועם? דער ראש ישיבה פאלגט מוהרא"ש און איז זיך מוסר נפש, כדי איך זאל האבן א חיים טובים, פירן מיין לעבן מיט זיך אליינס, און בפרט ווען מען איז א מאמע, מען פירט די שטוב מיט קינדער על פי תורה. ווער ווייזט מיר ווי אזוי זעט אויס די תורה, איך מיט מיין ניו בארן קאפ, יא... משה גרויס... איך בין קלוג... ווי קלוג? ווי קלוג???

דער צדיק האט מיר געעפנט די אויגן צו זען אז ס'איז דא א באשעפער, די תורה איז זיס, נאר ערליכע אידן האבן א שיינע לעבן, אז מען וועט אנהייבן אויסרעכענען וועט מען שרייבן פאפירן אויף פאפירן...

די מעשה חזר'ט זיך איבער בכל דור ודור, און דער מענטש דארף זען ארויסצוגיין פון מצרים, פון די פארקוועטשקייט. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז אמאל איז געווען א בחור ביי מוהרא"ש'ס ישיבה, און מוהרא"ש רופט אים צו און זאגט אים, עס טוט מיר וויי, אבער איך דארף דיר פארשיקן פון ישיבה. און דער בחור רופט זיך אן מיט די גאנצע שטארקייט, בסדר איך דארף נישט קיינעם, נאר דעם אייבערשטן אליין...

יא, מען דארף טאקע נאר דעם אייבערשטן אליין. אבער ווער האט דיר עס אויסגעלערנט. ווער? אויב נישט דער צדיק?!

נו, ווער האט אינשורענס צו בלייבן ביי א אמת'ן צדיק? נאר דער וואס מאכט א תפילה 'הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל זוכה זיין מיט מיין מאן און מיינע דורות, לאזן נאכגיין א צדיק אמת, אים פרעגן און פאלגן מיט א תמימות, און קיינמאל ח"ו רעדן אויף א פלאץ וואס האט מיר געמאכט נענטער צו דיר אייבערשטער.

טאטע זיסער, העלף מיר איך זאל נישט פארגעסן ווי אזוי איך האב אויסגעזען אין מצרים, פארן אנקומען צום צדיק. און וויאזוי דער צדיק האט זיך מיט מיר אפגעגעבן און אנגעטון שיינע קליידער, ריין צום סדר.

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן בן איש חי זי"ע**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **רבי חיים קנייבסקי זי"ע**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



# יאָרצייט פון די וואך

דער היילִיגער
## אפטער רב
זי"ע

יארצייט:
ה' ניסן

**דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ ה' נִיסָן גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם יְהוֹשֻׁעַ הֶעשִׁיל מְ'אַפְּטָא זצ"ל, אוֹיךְ בַּאקַאנְט אַלְס דֶער "אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל", וָואס דָאס אִיז דֶער סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן.**

דֶער אַפְּטֶער רָב הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁרַייבְּן קַיין לוֹיבּ וֶוערְטֶער אוֹיף זַיין מַצֵּבָה. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעלָאזְט שְׁרַייבְּן אִיז "אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל" (וָואס מֵיינְט עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אִיד), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס וֶועט מֶען טַאקֶע קֶענֶען עֲדוּת זָאגְן אוֹיף אִים אִין הִימְל אַז עֶר הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אִיד. בְּעִיקָר הָאבְּן דִי צַדִיקִים זִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב זי"ע אַסַאךְ הֶעלְפְן אִידְן מִיט פַּרְנָסָה, רְפוּאָה אָדֶער מִיט סַיי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט.

דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי פִיר גֶעהוֹיבֶּענְסְטֶע תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זצ"ל. אֵיידֶער דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זצ"ל אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט עֶר צֶעטֵיילְט זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן קְדוּשָׁה פַאר זַיינֶע פִיר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים. דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אוֹיגְן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זצ"ל. זַיין כֹּחַ הַלֵּב, זַיין מַדְרֵיגָה פוּן הַאֶרֶץ, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן קָאזְנִיצֶער מַגִיד זצ"ל. דִי "נְשָׁמָה שֶׁבַּמֹּחַ" הָאט בַּאקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדְלֶע מְרִימִינָאוו זצ"ל, אוּן דִי כֹּחַ בַּפֶּה, דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן מוֹיל הָאט בַּאקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב זצ"ל.

דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זצ"ל בְּרֶענְגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן שְׁוֶוער, אַז דָאס רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אַסַאךְ הֵיילִיגֶע זַאכְן.

מִיר וֶועלְן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זי"ע, וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן עֶר פָאלְגְט אַ צַדִיק אִיז אִים זֵייעֶר גוּט, אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ אֵיינֶער לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן אַ צַדִיק אוּן פָאלְגְט אִים נִישְׁט אִיז אִים צוּם סוֹף זֵייעֶר בִּיטֶער.

...

"רֶבִּי... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה צוּ גֶעבְּן פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה. מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען הוּנְגֶערִיג אוּן קַאלְט. אוֹיךְ וֶוערְן מַיינֶע קִינְדֶער עֶלְטֶער אוּן דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ נַדָן." ( אַמָאלִיגֶע צַייטְן הָאט מֶען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי שִׁידוּךְ אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶעלְט צוּ גֶעבְּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן אַ שִׁידוּךְ.)

דֶער אַפְּטֶער רָב פְרֶעגְט אִים, "וִויפִיל גֶעלְט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן?"

"דְרֵיי הוּנְדֶערְט רוּבְּל," זָאגְט דֶער אִיד.

דֶער אַפְּטֶער רָב נֶעמְט אַרוֹיס אַ פַּאפִּיר אוּן שְׁרַייבְּט אָפּ אַ בְּרִיוו. עֶר גִיט דָאס אִיבֶּער פַארְ'ן חָסִיד אוּן זָאגְט אִים אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ אַ דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע דָארְף וָואס דָארְט וואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. "טְרָאג אִים דִי בְּרִיוו אוּן זָאג אִים אַז עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן 300 רוּבְּל אוֹיף מַיין חֶשְׁבּוֹן. עֶר וֶועט דִיר גֶעוִויס גֶעבְּן."

דֶער אָרִימַאן גֵייט אַרוֹיס פוּל מִיט הָאפֶענוּנְג אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט זִיךְ אִיבֶּער דִי בְּלָאטִיגֶע וֶועגְן צוּ יֶענֶעם עוֹשֶׁר. עֶנְדְלִיךְ, נָאךְ אַ לַאנְגֶע וֶועג, קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן עֶר גִיט דִי בְּרִיוו פַארְ'ן עוֹשֶׁר.

דֶער עוֹשֶׁר לֵיינְט דִי בְּרִיוו אוּן וֶוערְט בֵּייז. "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן מִיט דֶעם רֶבִּי'ן. אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג קַיין גֶעלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן מִיר," זָאגְט עֶר מִיט חוּצְפָּה.

דֶער חָסִיד זָאגְט אִים אָבֶּער, "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט צוּ דִיר אוּן גֶעזָאגְט אַז דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט רוּבְּל."

דֶער חוּצְפָּה'דִיגֶער עוֹשֶׁר וִויל אָבֶּער נִישְׁט הֶערְן אוּן זָאגְט אִים, "וֵוייסְטוּ וָואס? אִיךְ גֶעבּ דִיר אֵיין רוּבְּל."

אָבֶּער דֶער אָרִימַאן אִיז נִישְׁט מַסְכִּים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט.

"וֵוייסְטוּ וָואס? אִיךְ גֶעבּ דִיר צֶען, אָבֶּער גֵיי."

נֵיין. עֶר בְּלַייבְּט דָארְט. עֶר זָאגְט פַארְ'ן גְבִיר, "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיר נִישְׁט גֶעבְּן דִי

גֶעלְט, גֶעב מִיר צוּרִיק דִי בְּרִיוו. אִיךְ וִויל עֶס צוּרִיקְגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן."

דֶער עוֹשֶׁר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ דִינְגֶען אוּן אִיז שׁוֹין מַסְכִּים פַאר הוּנְדֶערְט רוּבְּל, אָבֶער נִישְׁט מֶער.

דֶער אָרִימַאן הַאלְט זִיךְ אָבֶער בַּיי זַיינְס אוּן וִויל נִישְׁט הֶערְן אוּנְטֶער דְרֵיי הוּנְדֶערְט.

דֶער עוֹשֶׁר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אוּן זָאגְט, "נֶעם דַיין בְּרִיוו אוּן גֵיי."

דֶער אִיד קוּמְט צוּרִיק צוּם רֶבִּי'ן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. דֶער אַפְּטֶער רָב בַּארוּאִיגְט אִים אוּן זָאגְט אִים, "זָארְג נִישְׁט, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ צְוֵוייטֶע בְּרִיוו פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן."

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דָאסְמָאל הָאט דֶער צַדִיק אִים גֶעשִׁיקְט צוּ אַ צְוֵוייטֶער אַדְרֶעס. יֶענֶער אִיד אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא עוֹשֶׁר וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אֲפִילוּ דְרֵיי הוּנְדֶערְט רוּבְּל, אָבֶער אַז דֶער צַדִיק הֵייסְט, פָאלְגְט עֶר. עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט עֶטְלִיכֶע טֵייעֶרֶע זַאכְן פוּן זַיין הוֹיז אוּן בִּיז אַפָּאר טֶעג הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן מִיט אַ גוּט הַארְץ אוּן אַ פְרֵיילִיךְ גֶעמִיט דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט רוּבְּל פַארְ'ן אָרִימַאן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם רְצוֹן צַדִיק.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַאךְ צַייט אוּן דֶער אִיד וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט רוּבְּל אַזוֹיוִוי דֶער צַדִיק הָאט גֶעהֵייסְן, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן. עֶר אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער רַייךְ אוּן עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעטֵיילְט צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶער הַאנְט.

אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט הָאט פַּאסִירְט אַ צָרָה בַּיי דֶעם עוֹשֶׁר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחוּצָף אוּן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְלִירְן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט.



# יארצייט

## פון ד' אדר

עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט צוּ בְּלַייבְּן אִין זַיין טַייעֶרְן גְרוֹיסְן פַּאלַאץ, עֶר הָאט גֶעמוּזְט פַּארְקוֹיפְן זַיין הוֹיז אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין אַ קְלֵיינֶעם אַלְטְן הוֹיז. אוֹיךְ הָאט עֶר פַּארְקוֹיפְט אַלֶע זַיינֶע טַייעֶרֶע זִילְבֶּער אוּן גָאלְד אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן גוּטֶע אוּן טַייעֶרֶע עֶסְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה. אוֹיךְ נַייעֶ קְלֵיידֶער הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן.

עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן אוּן הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הַייזֶער. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט אַ צַדִיק.

דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין קַיין אַפְּטָא צוּם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב. עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער עֶר וִויל פְרֶעגְן, "דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז פוּן אַ חֶשְׁבּוֹן, וֶועלְכֶע חֶשְׁבּוֹן אִיז דָאס? אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג קַיין גֶעלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן. פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַזַא הַארְבֶּע שְׁטְרָאף?"

דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט צוּזַאמְגֶערוּפְן זַיין בֵּית דִין אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד אַז עֶר זָאל פָארְלֵייגְן זַיינֶע טַעֲנוֹת.




דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס הָאט פַּאסִירְט.

דַאן הָאט דֶער אַפְּטֶער רָב דֶערְצֵיילְט אַזוֹי: "אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט רוּפְט מֶען אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין אַן עוֹשֶׁר אָדֶער אַן אָרִימַאן. אֵיידֶער אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אַז אִיךְ וֶועל זַיין אַן עוֹשֶׁר. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אַז מֶען זָאל מִיר נִישְׁט גֶעבְּן עֲשִׁירוּת, וַוייל דָאס וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען צוּ נִסְיוֹנוֹת אוּן אוֹיךְ צוּ בִּיטוּל תּוֹרָה. מֶען הָאט מִיר אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז אַזוֹיוִוי מֶען הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם פְּסַק קֶען מֶען עֶס נִישְׁט טוֹישְׁן.

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיבּ אִיךְ מֶעג נֶעמֶען דִי עֲשִׁירוּת אוּן עֶס צֶעטֵיילְן צְוִוישְׁן מַיינֶע פְרֵיינְד, אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל עֶס דַארְפְן וֶועל אִיךְ בֶּעטְן פוּן זֵיי."

מֶען הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פוּן הִימְל אַזוֹי צוּ טוּן. אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ צֶעטֵיילְט מַיין עֲשִׁירוּת צְוִוישְׁן מַיינֶע פְרֵיינְד (חֲסִידִים). פַאר דִיר הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע טֵייל. אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשִׁיקְט דִי בְּרִיוו אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אַנְטְזָאגְט צוּ גֶעבְּן, בִּשְׁעַת דֶער צְוֵוייטֶער חַבֶר הָאט מִיר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ יָא גֶעגֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ פָּשׁוּט צוּרִיקְגֶענוּמֶען מַיין גֶעלְט פוּן דִיר אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן."

דֶער בֵּית דִין הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז אִין אֶמֶת'ן אִיז דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְט, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, נָאר זַיין אֵייגְנְס, אָבֶּער אַזוֹיוִוי דֶער אִיד הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק חֲרָטָה, זָאל דֶער רֶבִּי אִים כָאטְשׁ גֶעבְּן גֶענוּג אוֹיף צוּ קֶענֶען גֶעבְּן עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אִיד הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פוּן הַיינְט גֶעבְּן צְדָקָה אוּן טוּן חֶסֶד אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז עֶר זָאל וַוייטֶער הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי שֵׁיינֶע זַאכְן. צוּם עֶרְשְׁט לֶערְנֶען מִיר אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ צַדִיק אֲפִילוּ וֶוען מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, אָדֶער מִיר מֵיינֶען חַס וְשָׁלוֹם אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער, וַוייל צַדִיקִים וֵויסְן זַאכְן וָואס מִיר וֵויסְן נִישְׁט אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט אַ צַדִיק הָאט אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, וֶוער עֶס לַאכְט זִיךְ אוֹיס אוּן פָאלְגְט נִישְׁט, קוּמְט אָפּ בִּיטֶער.

אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר וִויאַזוֹי צַדִיקִים הָאבְּן אָנְגֶעקוּקְט גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן אִין הִימְל אַז עֶר וִויל נִישְׁט הָאבְּן צוּפִיל גֶעלְט, וַוייל דָאס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן פָאלְגְן צַדִיקִים, וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

רבי נתן האט געזאגט: "די וועלט איז נישט, און מען קען זי נישט באקומען, תורה ותפילה איז יא, און מען קען עס באקומען!"

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער קדושת לוי האט געזאגט: ווען מ'מאכט פסח'דיג ווערן באשאפן די זעלבע הייליגע מלאכים וואס ווערן באשאפן ביי**

א. תקיעת שופר
ב. מגילה ליינען
ג. הושענות
ד. יום החופה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר' נתן האט געזאגט: "אויף פסח וועט זיין, אבער וואו נעמט מען דעם פסח אליין"

## געב א שמייכל

**פארוואס איז די בור אין מקוה געווען האלב ליידיג?**

*ווייל מ'האט פארגעסן צו לייגן קאלארין...* (printed upside down)

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**טז. עַל יְדֵי תּוֹרָה בָּא לֶאֱמוּנָה, וְעַל יְדֵי אֱמוּנָה בָּא לְקִדּוּשׁ הַשֵּׁם.**

אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה; אוּן דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מַאכְן אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם.



# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער









# דער מלמד דערציילט



## שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רֵיידְס

מְנַחֵם אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ גוּט קִינְד. פְרֶעגְט מִיר נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט אַלֶעמָאל חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גוּט הַארְץ אוּן אַ גוּטְן קָאפּ. אָבֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל פְּרָאבְּלֶעם? עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ גוּט אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען אַ צְוֵוייטֶער הָאט אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט. אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, אָבֶער דֶער נָאמֶען "נֶעבֶּעכְל" הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דִי הוֹיפְּט אָנְפִירֶערְס.

יֶעדֶער הָאט מִיר גֶעקֶענְט. בֶּערִיש שְׁוַוארְץ. אִיךְ בִּין דֶער יוּנְגְל וָואס פְלִיט דִי עֶרְשְׁטֶע אַרוֹיף אוֹיף אַ בּוֹים אִין הוֹיף אוּן אִיךְ שְׁוִוים דִי שְׁנֶעלְסְטֶע אִין קֶעמְפּ. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין בְּעֵרָן (דֶער עוֹלָם זָאגְט אַז מַיין נָאמֶען שְׁטֵייט מִיר גוּט!) אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גוּטֶע וִויצְן. בְּקִיצוּר, אִיךְ הַאלְט אוּנְטֶער דֶעם עוֹלָם אִין חֵדֶר אוּן נָאכְמֶער אִין קֶעמְפּ.

אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ כַאפְּן שְׁלֶענְג אוּן פְרֶעשׁ, אוּן נָאכְמֶער זֵיי צוּ וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן מוֹרָא. לְמָשָׁל, מְנַחֵם.

אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֲנָאָה צוּ וַוייזְן פַאר מְנַחֵם מַיינֶע גֶעפִינְסְן אוּן זֶען וִוי עֶר שְׁפְּרִינְגְט אוֹיף מִיט שְׁרֶעק. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אִים גֶערוּפְן, "נֶעבֶּעכְל!!"

אִיךְ גֶעדֶענְק מִיט בּוּשָׁה, אַז אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט אַ פְרָאשׁ אוּנְטֶער זַיין קִישְׁן, אוּן וֶוען עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען לֵייגְן, אִיז עֶס אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען. מְנַחֵם הָאט שִׁיעוּר נִישְׁט גֶע'חַלֶשְׁ'ט פוּן שְׁרֶעק. אוּן אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּר נִישְׁט גֶע'חַלֶשְׁ'ט פוּן גֶעלֶעכְטֶער.

לֵיידֶער. הַיינְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין חֲרָטָה אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן. אָבֶער לָאמִיר אַייךְ דֶערְצֵיילְן וִויאַזוֹי אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲרָטָה.

יֶעדֶעס יָאר זוּמֶער אִין קֶעמְפּ הָאבְּן מִיר אַקְטִיוִויטֶעטְן. מִיר גֵייעֶן שְׁפַּאצִירְן אִין וַואלְד אוּן מִיר קְלוֹיבְּן עֶפְּל אִין אַ פֶעלְד. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל דֶער וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶה, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמֶען אוּנְטֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן אוֹיפְן וֶועג. לְמָשָׁל, פַארְאַיָאר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן הֶערְשְׁן פָארְנְט פוּן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן. וֶוער קְלֶערְט אִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם? בֶּערִיש! אוּן וֶוער קְלֶערְט אִיר אִיז אַנְטְלָאפְן וִוי אַ מַייזֶעלֶע? מְנַחֵם!

אוֹיבּ קְלֶערְט אִיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶס דוּרְכְגֶעלָאזְט, מַאכְט אִיר לֵיידֶער אַ טָעוּת. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַפָּאר טֶעג דֶערְפַאר. "מַייזֶעלֶע, וִוילְסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר?" הָאבּ אִיךְ אִים נָאכְגֶעשְׁרִיגְן. אוּן וָואס הָאט מְנַחֵם גֶעטוּן? גָארְנִישְׁט! עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן. נִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, נִישְׁט גֶעוֵויינְט. עֶר הָאט זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן מִיר מִיט מַיינֶע נַארִישֶׁע בַּאמֶערְקוּנְגֶען.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ קוּק צוּרִיק, בַּאוואוּנְדֶער אִיךְ זַיינֶע מִידוֹת אוּן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע

שְׁטַארְקֵייט. עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ גְּבוּרָה, זֶעט אוֹיס אַז עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **עֶר הָאט גוּט אוֹיסְגֶעהֶערְט דֶעם מְלַמֵּד וָואס הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.**

דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פוּן קֶעמְפּ פָארְן מִיר צוּ אַ מֶעכְטִיגְן פַּארְק מִיט רִיזִיגֶע רֵיידְס. דִי רֵיידְס פְלִיעֶן אִין דֶער הוֹיךְ אוּן דַאן פְלִיט מֶען אַרָאפּ. עֶס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּארְק אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט.

אִיר קְלֶערְט אַוַודַאי אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן דֶעם אוֹיסְפְלוּג אַ גַאנְץ זוּמֶער אוּן אַז אִיךְ וֶועל זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ גֵיין אוֹיף אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רֵיידְס. אָבֶּער נֵיין. בֶּערִיש שְׁוַוארְץ, דֶער מֶעכְטִיגֶער אִינְגְל, הָאט אַ פַּחַד וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ דֶערְצֵיילְן. אַ פַּחַד פוּן רֵיידְס.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם טְרִיפּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעזוּכְט תֵּירוּצִים וְוִיאַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן. אִיךְ הָאבּ גֶעהָאפְט אַז מַיין בְּרוּדֶער וֶועט וֶוערְן אַ חָתָן אוּן אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַ תֵּירוּץ אַהֵיימְצוּפָארְן. אָבֶּער מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְנְט מִיט מִיר!

דִי נַאכְט פַאר דֶעם טְרִיפּ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ מַאכְן וְוִי אִיךְ פִיל זִיךְ נִישְׁט גוּט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ שְׁוֶעל צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְפַאסְן. אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אוֹיף דִי רֵיידְס קֶען אִיךְ נִישְׁט גֵיין, אָבֶּער דָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי הֲנָאָה אוֹיפְ'ן בָּאס אוּן הֶערְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס אוּנְזֶער מַשְׁגִּיחַ וֶועט דֶערְצֵיילְן אוֹיפְ'ן וֶועג.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵייט אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט בּוֹיךְ וֵויי אוּן שְׁרֶעק אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וְוִיאַזוֹי אִיךְ וֶועל זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן. צוּ וֶועל אִיךְ מוּזְן גֵיין אוֹיף דִי רֵיידְס פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין נְשָׁמָה פְלִיט אַרוֹיס, אָדֶער וֶועל אִיךְ וֶוערְן אַרָאפְּגֶעקוּקְט בַּיי מַיינֶע חֲבֵרִים? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁלִיסְן וֶועלְכֶע עֶס אִיז עֶרְגֶער.

צוּפְרִי, וֶוען מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעלָאפְן פָארְאוֹיס צוּ דֶעם בָּאס, הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט. צוּ וָואס זָאל אִיךְ לוֹיפְן? צוּ פַּחַד? צוּ שְׁרֶעק? אָדֶער צוּ דִי בּוּשׁוֹת?

אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט הֲנָאָה הָאבְּן אוֹיפְ'ן בָּאס, צוּלִיבּ מַיין פַּחַד. אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין בֶּאֱמֶת אָנְגֶעהוֹיבְּן נִישְׁט גוּט צוּ שְׁפִּירְן.

מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַנְגֶעגֶעם פַארְבְּרֶענְגְט. מֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען נִיגוּנִים אוּן גֶע'חָלוֹמְ'ט מִיט שִׂמְחָה פוּן דִי רֵיידְס. אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְזוּנְקֶען אִין מַיין פַּחַד אוּן אַנְגְסְט.

וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אַלֶע מְשׁוּנָּה'דִיגֶע רֵיידְס. "אֵייבֶּערְשְׁטֶער," הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, "וְוִיאַזוֹי וֶועל אִיךְ דָאס אַרִיבֶּערְטְרָאגְן?"

"אָהּ, בֶּערִיש!" הָאט מַיין חַבֵר חַיִים גֶעשְׁרִיגְן צוּ מִיר מִיט שִׂמְחָה, "יֶענֶע רֵייד אִיז פַאר דִיר!" עֶר הָאט גֶעוִויזְן מִיט דֶער הַאנְט צוּ דִי ווִילְדְסְטֶע, הֶעכְסְטֶע רֵייד. מַיין הַארְץ אִיז אַיינְגֶעפַאלְן.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ שְׁמֵייכְלֶען מַיין 'גִיבּוֹר שְׁמֵייכְל' אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ גֶעמַאכְטֶע רוּאִיגְקֵייט, "לָאמִיר קוֹדֶם בַּאטְרַאכְטְן אַלֶע רֵיידְס."

מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן מִיר גֶעפָאלְגְט אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט צַייט. אָבֶּער נָאךְ



# דער מלמד דערציילט



אַ פָּאר מִינוּט הָאבְּן זֵיי גֶעפְּלַאצְט. "בֶּערִיש, דוּ וֶועסְט אַזוֹי לַאנְג קוּקְן בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין דַארְפְן צוּרִיקְגֵיין צוּ דִי בָּאסֶעס," הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶערֶעגְט.

שְׁטִילֶערְהֵייט אִין מַיין הַארְץ אִיז דָאס טַאקֶע גֶעוֶוען מַיין פְּלַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דִי מִינוּט קוּמְט נֶענְטֶער און בְּלֵית בְּרֵירָה הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דֶער רֵייעֶ צוּ וַוארְטְן אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רֵיידְס. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט און גֶעטְרַאכְט, "פַארְוָואס מַאכְט מֶען בִּכְלַל רֵיידְס? סְתַּם צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן און פַּיינִיגְן מֶענְטְשְׁן?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אַרוּם מִיר און נָאךְ גֶעהָאפְט אוֹיף אַ נֵס.

און דֶער נֵס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. דֶער נֵס הָאט גֶעהֵייסְן מְנַחֵם. אַזוֹיוִוי אִיךְ שְׁטֵיי דָארְט, שְׁפִּיר אִיךְ פְּלוּצְלִינְג וִוי אֵיינֶער טַאפְּט מִיר אוֹיפְ'ן אַקְסְל.

"וִוילְסְט מִיר בַּאגְלֵייטְן צוּ דִי וַואסֶער? אִיךְ וִויל אנפולן מַיין בָּאטְל. עֶס אִיז לֵיידִיג," הָאט מִיר מְנַחֵם גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ לִיבְּלִיכְן שְׁמֵייכְל.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן גְלִיק אַז אִיךְ קֶען אַוֶועקְגֵיין אַרֵיינְצוּטְרַאכְטְן פַארְוָואס מְנַחֵם אִיז דַוְקָא גֶעקוּמֶען צוּ מִיר. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיינֶע חֲבֵרִים אַז זֵיי זָאלְן גֵיין פָארְאוֹיס און נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף מִיר. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צוּ אִיבֶּערְרַאשְׁט פוּן דִי רֵיידְס צוּ בַּאמֶערְקְן.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט מְנַחֵם און נִישְׁט גֶערֶעדְט קַיין וָוארְט. מְנַחֵם הָאט אָנְגֶעפִילְט זַיין בָּאטְל און זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט מַאכְן אַ שֶׁהַכֹּל. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִים.

"דוּ הָאסְט מוֹרָא," הָאט מִיר מְנַחֵם גֶעזָאגְט. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט. עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

"פוּן וואוּ וֵייסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט, נִישְׁט לֵייקֶענֶענְדִיג דֶעם פַאקְט.

"וַוייל אִיךְ דֶערְקֶען דֶעם בְּלִיק. אִיךְ קֶען עֶס," הָאט עֶר שְׁטִיל גֶעזָאגְט.

דַאן הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט. אַזוֹי שְׁפִּירְט זִיךְ מְנַחֵם יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען טוּט עֶפֶּעס ווִילְד אָדֶער שְׁרֶעקֶעדִיג? אוֹי, גֶעוַואלְד! וִויאַזוֹי הַאלְט עֶר עֶס אוֹיס? און דִי בּוּשׁוֹת וָואס עֶר כַאפְּט דֶערְצוּ. און אִיךְ... אִיךְ אַלֵיין... בִּין דֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט אִים כְּסֵדֶר. אִיךְ הָאבּ אַרֵיינְגֶעטְרַאכְט אִין מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער עֲבֵירָה און גֶעטְרַאכְט וִוי פַארְשֶׁעמְט אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען חַיִים זָאגְט מִיר יֶעצְט "נֶעבֶּעכְל..."

"וַוייזְט אוֹיס אַז אֵיין נֶעבֶּעכְל דֶערְקֶענְט דֶעם אַנְדֶערְן," הָאט מְנַחֵם גֶעזָאגְט מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיגְן שְׁמֵייכְל. אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר אַרָאפְּגֶעקוּקְט. מַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט טְרֶערְן.

"מְנַחֵם, בִּיסְט מִיר מוֹחֵל? אִיךְ... אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרֵיינְגֶעטְרַאכְט."

מְנַחֵם הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אַרוּם מַיין אַקְסְל און גֶעשְׁמֵייכְלְט, "זִיכֶער בִּין אִיךְ דִיר מוֹחֵל." אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים.

"גְרָאדֶע," זָאגְט מִיר מְנַחֵם, "הָאבּ אִיךְ לִיבּ רֵיידְס." אִיךְ הָאבּ אִים אָנְגֶעקוּקְט עֶרְשְׁטוֹינְט.

"אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זִיצְסְטוּ דָא מִיט מִיר?" הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען.

"וַוייל אִיךְ וֵייס גָאר גוּט דֶעם טַעַם פוּן זַיין אַלֵיין," הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט.

"מְנַחֵם," הָאבּ אִיךְ עֶרְנְסְט גֶעזָאגְט, "דוּ וֶועסְט עֶס מֶער נִישְׁט וִויסְן! אָבֶּער יֶעצְט," הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפִירְט, "וִויל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין און דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף דִי רֵיידְס. אִיךְ וֶועל וַוארְטְן אוּנְטְן."

יֶענֶע מִינוּט זֶענֶען דִי חֲבֵרִים אַרִיבֶּער צוּ אוּנְז. "אָהּ, וואוּ זֶענְט אִיר גֶעוֶוען אַזוֹי לַאנְג?" הָאבְּן זֵיי גֶעקוּקְט צוּ אוּנְז. "לָאמִיר גֵיין צוּ יֶענֶע מֶעכְטִיגֶע רֵיידְס," הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶערוּפְן.

"יָא, לָאמִיר גֵיין. מְנַחֵם וֶועט גֵיין," הָאבּ אִיךְ פַארְרָאכְטְן, "אִיךְ וֶועל וַוארְטְן אוּנְטְן אוֹיף אַייךְ."

מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן מִיר אָנְגֶעקוּקְט מִיט גְרוֹיסֶע אוֹיגְן. "בֶּערִיש שְׁוַוארְץ גֵייט נִישְׁט אוֹיף קַיין רֵיידְס?! בֶּערִיש אִיז אַ נֶעבֶּעכְל?" הָאט חַיִים גֶעפְרֶעגְט בֶּאֱמֶת צֶעמִישְׁט.

**"נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין נֶעבֶּעכְל. אֵיינֶער וָואס הָאט מוֹרָא אִיז נִישְׁט קַיין נֶעבֶּעךְ. אֵיינֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט אִיז. און אִיךְ בִּין מֶער נִישְׁט אַזַא אֵיינֶער!"**

# קליין און שיין



חיה אסתי יאקאבאוויטש, טשארני וועבערמאן, חיה פרידריך



מלכי ראטה



משפחת אינדיג




משפחת שטערן



פייגי שניצלער



פעלבערבוים



פייגי פריעדמאן



שרי שטיינבערג



שרה יאקאבאוויטש



נחמן יאקאבאוויטש


אליעזר שלמה שטראססער


חני אפפעל


ליפא פארקאש


משפחת יואל וועבערמאן


משפחת אפפענהיים


נחמן שמעון און דוד פריעדמאן


נחמן שמעון פריעדמאן


פרימי און מלכי מאשקאוויטש



פייגי בוים


יוסי און פייגעלע פרידריך


חי' אסתי יאקאבאוויטש


נתי פורסט